# בערגעלסאָן

# דרויב

# דוד בערגעלסאָן

## ווערק

נייע פֿאַרבעסערטע אויסגאַבע

WOSTOK

פארלאג »וואָסטאָק«, בערלין C 2

An der Spandauer Brücke 2

1923

# דוד בערגעלסאָן

באנד IV

## דרויב / דער לעצטער
## ראש השנה / אין
## איינעם אזומער /
## א· אנד·

4A
43/49

☆

פארלאג »וואָסטאָק«, בערלין C 2
An der Spandauer Brücke 2
1923

Copyright by Wostok (Der Osten)
Verlag und Büchervertriebsgesellschaft m. b. H. Berlin
1923

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941: 8876
119592

Druck der Spamerschen Buchdruckerei in Leipzig

# דרויב

# I

איז אָט־אָ דיביילע העניע, משה דעם טאָטערס ווײַב, וואָס האָט ביז איר חתונה געדינט בײַ דער נגידישער שנור, זי איז געווען מיאוס ווי דער טויט, זי האָט גע־האַט א קליין לענגליך פּנים, פול מיט גרויסע טיפע שטיפּ־לען. דאָך האָט זי זיך פון קליינערהייט אָן איינגערעדט, אַז זי וועט חתונה האָבן נאָר מיט אַן איידעלן יידן און האָט ניט געוואָלט דעם מאַן אירן, משה דעם שמיד, וואָס האָט געהאַט א צונעמעניש »טאָטער«.

דעם טאָטער האָט דאָס פאַרדראָסן ביז גאָר. ס'איז אים דערגאַנגען ביז די לעבער, וואָס הייסט עס:

»אַזאַ פאַרזעהעניש, און דאָס זאָל אים ניט וועלן« . . .

ער האָט זי דערפאַר געהאַלטן אין איין שלאָגן, און זי האָט אים ניט געוואָלט.

שמחת־תורה בײַטאָג האָט ער זי געשלאָגן דעם לעצטן מאָל.

שמחת־תורה בײַטאָג האָט זיך געפּילט א רעגן אין שטעטל, נאָר קיין רעגן איז ניט געגאַנגען. אינדרויסן איז נאָר די לופט געווען שטאַרק קיל, טונקל און הפקר, הפקר צו ווינטער צו און צו צפונדיגע קעלטן. בײַם רב אין שטוב זיצט מען בײַם טיש, די טיר איז אָפן, און אַרום און אַרום בײַ דער האַלבקײַלעכדיגער הייזערראָד

זיצן ווײַבער אויף די פּידאשקעס און קוקן, ווי בעל־הבתּישע פּלייצעס בויגן זיך דאָרטן אַרום דעם רב און אַרום מאָטל דעם רויטן, דעם נײַ אויסגעקליבענעם גבאי. מ׳טרינקט דאָרטן בראַשוק, מ׳זינגט ניגונים און מ׳וואַרפט יונה דעם לאַנגן קאַוועשאָלאַכץ גלײַך אין באָרד אַרײַן; מ׳איז אַלע איין בינטל, אַלע אַלטע קאַנטיקאזעווער. פון גרויס ליבשאַפט צו יונה דעם לאַנגן שרייט מען צו אים:

»יונה!«

»יונה דער לאַנגער, א רוח׳ן דײַן טאַטן!«

נאָר יונה דער לאַנגער מאַכט זיך ניט הערנדיג. ער שטייט מיט זײַן גאַנצער לענג צווישן רעגן פון קאַוועשאָלאַכץ און שרײַט נאָך העכער מיט זײַן חזניש גרילצנדיגן קול און מיטן נוסח פון גשם:

אַף — בְּרִי

נאָך יום־טוב אינדערפריה

אַתָּת,

האָט מײַן ווײַב דאָס משוגעת,

שֵׁם שַׂר מָטָר,

איך הער זי, ווי דעם קאָטער.

און פּלוצים טוט געשווינט א יאָג א שרעק איבערן שטעטל, און שוואליאם, אַרײַן אַהער צום רב אין שטוב:

»ער שלאָגט שוין ווײַטער דאָס ווײַב!«

»ווער? משה דער טאָטער?«

»א רוח׳ן זײַן טרפהנער קישקע.

און אַלע מיטאַמאָל א יאָג אינדרויסן אַרויס. בײַ עמיצן זיינען די פּלייצעס שטאַרק איינגעשמירט אין ווײַסן, נאָר ער ווייסט ניט דערפון, ער איז בגילופין, פאַרגייט שמייכלדיג אונטער דער שטוב, צענעמט דאָרטן שמייכלדיג די פּאָלעס און טוט אָפּ א מיאוסע זאַך מיט אַזאַ אויסזעהן,

גלײַך ער טוט אָפּ עמיצן א שפּיצל, און אַז ער קערט זיך אום, שטייט שוין דער גאַנצער עולם אינדרויסן בײַ דער טיר און קוקט, ווי משה דער טאָטער יאָגט זיך איבערן פּלאַץ נאָכן ווײַב ביילע העניען. ער, א פּירעקיגער ריז מיט פאַרקאשערטע הענט, ווי אינדערוואָכן, בשעת ער שטייט בײַ זיך אין קוזנע און טוט אָן אין אײַזן גוישע וואָגנס, און זי, א קליינע א ביינערדיגע, ווי א מאָגערע הון. און אַלע ווייסן דאָך, אַז זי האַלט תמיד א שפּיגעלע לעבן בעט, א צעבראָכנס מיט אַן אָפּגעריבענער רויטער לינקער זײַט. זי האָט זיך ליב צו שפּיגלען, אָטדי מיאוס־קײַט, אַנטלויפנדיג, פאַרגעסט זי דאָך ניט אויסצובאַהאַלטן דאָס געשטיפּלטע פּאָקן־פּנים אונטערן ריינעם ווײַסן קאָפּטיכל, און אירע שולדיגע קאָסע אויגן קאָנען דערבײַ ניט קוקן מאַנסבילן אין פּנים אַרײַן, זיי שעמען זיך, ווי נאָך א פריש אָפּגעטאָנענער זינד. זי אַנטלויפט געשווינט אינם אַקעגנדיגן נגידישן הויז, וואו זי האָט ביז דער חתונה געדינט, און אַלע שטייען און קוקן, ווי מ׳פאַר־שליסט דאָרטן באַלד נאָך איר די טיר. איצט, זאָגט מען, איז אַן עק:

»פאַרטיג« . . .

## II

דאָס אַקעגנדיגע נגידישע הויז איז א בכבודיגס, א ירושהדיגס און אַן אַלטס. ס׳האָט א ווײַסן פלאַכן דאַך; ס׳האָט פעסטע ווײַסגעקאַלעכטע ווענט מיט אַלטע אַקאַציעבוימער פאַר די גרויסע אַכטשויבנדיגע פענסטער. שאָקלען זיך אָטדי אַלטע בוימער פון יעדן מינדסטן ווינטל, שאָקלען זיך אונטערן חשוונדיג פאַרכמאַרעטן הימל, אונטער יעדער וואָלקן, וואָס טריפט יאָ און טריפט

ניט· און דערעסן אַזוי אַלע אַרומיגע קבצנישע הייזער· דערעסן מיט דער אַלטער מעשה· וואָס זיי האַלטן תּמיד אין איין שעפּטשען:

»א מעשה מיט אַן אַמאָליגן גביר· וואָס האָט אַמאָל אָט־דאָס הויז געבויט; א מעשה מיט זײַנעם א זון· וואָס איז שוין לאַנג געשטאָרבן· און איצט וואוינט שוין דאָרטן נאָר די שנור זײַנע· אָטדי וואָס האָט ליב גוייש ריידן· און גייט קיינמאָל ניט אין שול· און ס׳פאָרן צו איר אָפּט צוגאַסט דער יידישער דאָקטער· דער אַקציזניק מיטן סטאַנאָוואָי«·

אַרום איז בלאָטיג און נאַס· פעלדער וויסטע· אָפּגע־שניטענע און פאַרלאָזטע ציהען זיך אַרויף א באַרג און טוקן זיך דאָרטן אין כמאַרע און אין אומענדליכער ווינטער־צײַט· ס׳איז שטיל· נאָר אַמאָל טרעפט:

פון א קליין און פוסט לעבן· וואָס ערגעצוואו אין געגנט· קומט אָן אַהער א פור נישט מער· ווי אויף דורכ־צופאָרן; זי טראָגט דאָ דורך איר פוסטן גלעקערקלאַנג און פאַרשווינדט· און פיצעלע שטעטעלע הויקערט זיך ווידער און שווײַגט נאָך מערער· קבצנישע הייזלאַך שטייען ביזן בויך אין בלאָטע און הערן זיך איין: ס׳גוואַדזשען שטיוול· דאָס איז משה דער טאָטער· ער בלאָנדזשעט שוין ווידער אינמיטן בײַטאָג אַרום אָרעמע קלייטן און אַרום קרעמער· וואָס האָבן מיט אים ניט וועגן וואָס צו ריידן· קוקנדיג אויף די שפּיצן פון זײַנע שטיוול· פאַר־טראַכט ער זיך· עקט זיך שיר ניט פון גרויס גרימיניש און פון צער און שפּײַט סוף כל־סוף אויס:

»א רוח׳ן איר טאַטן«·

און אינזינען האָט ער דערבײַ די גבירישע שנור· וואָס דאָרטן אינם אַקעגנדיגן נגידישן הויז· זי גיט אים נישט אָפּ זײַן ווײַב· פון שמחת־תּורה אָן האַלט זי בײַ זיך

ביילע העניען און גיט זי אים נישט אָפּ׳ זי שיקט אים אַלעמאָל זאָגן:

»זי וועט אים געבן פופציג קערבלאַך׳ ער זאָל געבן ביילע העניען גט«׳

דער »טאָטער« האָט אַביסל מורא פאַר אָטדער נגידי־שער שנור און פאַר איר הויז׳ אַהין קומט דאָך אַזוי אָפט צוגאַסט דער סטאַנאָוואָי׳ איטליכס מאָל׳ וואָס ער קומט אַהין אַריין׳ זײַן ווײַב מאָנען׳ שטייט ער דאָרטן אין פאָדערצימער בײַ דער טיר און וואַרט לאַנג׳ ווי א קבצן׳ וואָס קומט בעטלען א נדבה׳ ביילע העניע איז שוין דאַן אין קיך נישטאָ׳ זי טוט זיך באַלד א יאָג איבערן גאַנצן הויז און באַהאַלט זיך בײַ דער בעל־הביתטע אין שלאָפ־צימער׳ פון אַן אינוויינינגסטן פריה געהייצטן און שטאַרק וואַרעמען צימער קומט אַרויס די »ניאַניע«׳ א גראָבע גויקע מיט א צעפלעטשטער איינגעפאַלענער נאָז און מיט ליפן פון א נאַשערין׳ זי קוקט אויף אים מיט די שעלמישע שוואַרצע אויגעלאַך און האַלט דערבײַ כּלומרשט אין איין אונטערטרייסלען דאָס קליינע קינד׳ וואָס זיצט בײַ איר אויף די הענט׳ זי וויל אים גאָרנישט ניט זאָגן׳ זי איז נאָר געקומען א קוק טאָן׳ ס׳אַר א פּנים ער האָט׳ דער ייד׳ וואָס איבער אים באַהאַלט זיך די געשטיפלטע ביילע העניע אַזש בײַ דער בעל־הביתטע אין שלאָפצימער׳ סוף־כּל־סוף קומט אַרויס צו אים די בעל־הביתטע אַליין׳ און הייבט אים אָן זאָגן מוסר׳ אַ פּיסק איז בײַ איר׳ ווי אויף שרייפלאַך׳ דער טאָטער שווײַגט און קוקט אויף איר די גאַנצע צײַט אין אלכסון מיט אויגן פון א בייזן אומבאַהאָלפיגן נגזל:

»א מכּה איר אין גאָרגל...«

דעם טאָטער איז שוין נמאס די גאַנצע מעשה׳ ער גייט אַוועק און פּרובט עפּענען די קוזניע׳ נאָר ס׳אַרבעט

זיך ניט· אינדערהיים איז אויך נישטאָ מיט וועמען א וואָרט צו ריידן· אין מויל איז די גאַנצע צײַט זויערליך· ווי נאָכן שמחת־תורהדיגן בראַשוק· און דערצו איז נאָך דאָס וועטער אַזאַ פאַסקודנע· ס׳נאָגט בײַם לעפעלע און קיין קינדער האָט זי מיט אים אויך ניט· אָטדי געשטופּלטע מויז· כאַפּט דער רוח דעם טאַטן אירן· ער וועט גיין אַהין צום לעצטן:

ער וועט איר געבן גט·

---

צום גט קומט די גבירישע שנור אַליין· זי שטייט באַגלייך מיטביילע העניען בײַם רב· זי איז אָנגעטאָן מיט א שוואַרצן גארעסענעם שאַרף אויפן קאָפּ· און איטליכס מאָל· וואָס דער טאָטער זאָגט נאָך דעם רב די גט־ווערטער· הערט זי זיך איין און שאָקלט צו מיטן קאָפּ מיט א מינע פון א מבין און מיט אַזאַ אויסזעהן· גלײַך זי באַשליסט· אַז מ׳נאַרט זי ניט אָפּ· און אַז דאָס אַלץ איז ווערט· ס׳ווערט די פופציג רובל· וואָס זי באַצאָלט·

דער טאָטער האָט א שוועסטער אין שטעטל· זי וואַרפט גויעס קאָרטן און זאָגט נביאות אויף גנבות· צי זיי וועלן זיך אָפּזוכן· צי ניין· זי שטייט אינדרויסן ניט ווײַט פון רבס שטוב· דער קאָפּ איז בײַ איר פאַרבונדן מיט א פויערשן טיכל און אַרום שטייט א רעדלי· ווײַבער און קינדער הערן· ווי זי שעלט ביילע העניען מיט איר באַשיצערין· די גבירישע שנור:

»ביידע זאָלן זיי איינגעזונקען ווערן· זיי זאָלן איינ־נעמען א מיתה משונה«·

»נאָך היינטיגן טאָג· גאָט אין הימל! מכּות זאָל זיך זיי זעצן אויף די געדערעם«·

און די אויגן האַלטן בײַ איר דערבײַ אין איין קוקן אַהין

צום רבס שטוב׳ וואו ס׳גייט דער גט׳ און ס׳דאַכט זיך׳ אַז זי דאַוונט׳

אַלע קוקן׳ ווי ס׳עפנט זיך דעם רבס טיר׳ נאָר אַז דער עולם שיט זיך אַרויס פון שטוב׳ קומט ווידער עפעס פאַר׳ און מ׳נעמט אַהער געשווינט לויפן פון אַלע עקן שטאָט׳ די׳ וואָס פאַרשפעטיגן׳ פרעגן׳ וואָס ס׳איז געשעהן׳ און מ׳ענטפערט זיי׳ אַז גאָרנישט׳ גאָרנישט:

דער טאָטער האָט נאָר נאָכאַמאָל איצט שוין נאָכן גט אויסגעפּאַטשט ביילע־העניען ··· צום לעצטן מאָל׳

## III

דער טאָטער האָט פאַרקויפט די קוזניע און האָט גע־געבן א שפיי אויפן שטעטל׳ גיי זיי א נביא׳ וואו זײַן געביין איז אַהינגעקומען׳ איצט איז שוין זומער׳ און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ׳

ביילע העניע איז פרײַ׳

פרײַטאָג בײַטאָג׳ אַז קינדער קערן זיך אום פונם חדר און בלאָנדזשען אונטער די הייזער צווישן באָדיקעס׳ און קוקן אַרײַן צו דער נגידישער שנור אין הויף דורך די צעלעכצטע פאַרקאַנבערעטער׳ זעהען זיי׳ ווי ביילע העניע זיצט דאָרטן מיט אַלע פיר אויף דער ערד׳ ניט ווײַט פון קיכטיר און בויגט זיך און רײַבט׳ און רײַבט׳ אַרום איר שטייען צוויי סאַמאָוואַרן׳ אַסך קופער און מעש׳ די קינדער שרײַען פלוצלינג אַרײַן:

»ביילע העניע די געשטיפלטע! ··· אָט גייט דער טאָטער!«

און דערשראָקן פאַר זייערע אייגענע קולות׳ טרעטן זיי גלײַך אָפּ און אַנטלויפן׳

אין שטאָט צעקריגן זיך צוויי שוועסטערלאַך· זיי הרגענען גוט אָן איינס דאָס אַנדערע און יענע׳ וואָס האָט געכאַפּט מער קלעפּ׳ שרייַט דער צווייטער:

»דו׳ביילע העניע דו!··· דו געשטיפּלטע מויז!«

און ביילע העניע הערט עס פאַרבייַגייענדיג און באַהאַלט אויס דאָס פּאָקן־פּנים אונטערן ריינעם ווייַסן קאָפּטיכל· אינדערהיים׳ בייַ דער נגידישער שנור׳ פאַררוקט זי זיך נאָכדעם אין איר ווינקל און באַטראַכט זיך דאָרטן לאַנג אין איר קליינעם שטיקל שפּיגעלע׳ וואָס מיט דער אָפּ־געריבענער לינקער זייַט׳ זי זעהט: שטיפּלען׳ שטיפּלען׳ אסך שטיפּלען׳ און אויגן קאָסע׳ וואָס קוקן אין צוויי פאַרשיידענע וועלטזייַטן· נאָר אין עסצימער זיינען שוין דאָ געסט; מ׳רופט זי׳ באַהאַלט זי דאָס שפּיגעלע גע־שווינט׳ ווי א גנבהשע זאַך׳ און לויפט·

»באַלד« ענטפערט זי׳ גייענדיג אַהין׳ און אירע אויגן שעמען זיך דאָרטן צו קוקן מאַנסבילן אין פּנים אַרייַן· אַלע ווייסן דאָך שוין׳ פאַרוואָס זי האָט נאָך כלהוויז ניט געוואָלט דעם טאָטער· זי האָט זיך פון קליינערהייט אָן איינגערעדט׳ אַז זי וועט חתונה האָבן פאַר אַן איידעלן יידן· אַז מ׳איז אויפגעלייגט׳ לאַכט מען דאָרטן אַלע אינאיינעם׳ מ׳קנאַקט ניסלאַך און מ׳פאַרברענגט זיך:

»נו׳ וואָס הערט זיך׳ ווען האָט ביילע העניע חתונה פאַר א רב?«

בייַ דער גבירישער שנור אין קיך איז פאַרהאַן א קעכין׳ א שטובמיידל און א שיקסע און די ניאַניע׳ און אַלע ווילן זיי חתונה האָבן׳ אַז זיי פּגרן שיר ניט· זיי ווינשן זיך עס בייַ יעדערער געראָטן אָפּגעבאַקענער חלה און איטליכס מאָל׳ וואָס מ׳פּרעגלט דער נגידישער שנור שמאַלץ·

איטליכס מאָל׳ וואָס׳ אין שטעטל טרעפט א חתונה׳

שיט מען אַלע אַרויס אינדרויסן, און וואָס מער פאַרזעסן איז די כלה, אַלץ מער האָט מען צו איר אינטערעס. מ׳הערט זיך איין, ווי כלי־זמר פירן אַן אַלטע איבער־געוואַקסענע מויד צו דער חופה, און נאָכדעם קלעפּט מען א גאַנצע נאַכט לעבן באַלויכטענעם הויז, וואו די חופה קומט פאָר. מ׳קערט זיך אום מיטן גרויען טאָגליכט, און מ׳לייגט זיך אין דינסטחדר אין די בעטן אַריין, נאָר אַנט־שלאָפן ווערן קאָן מען ניט. מ׳רעדט אַזוי לאַנג פון חתונה האָבן, ביז מ׳צעקריגט זיך. די פּאָקאָיאָווע וואַרפט אויס דער קעכין, אַז דער מאַן אירער איז געווען א גנב און איז געשטאָרבן אין טורמע, און די קעכין שרייַט, אַז זי ווייסט, צו וועמען די פּאָקאָיאָווע פלעגט א גאַנצן ווינטער אַרויסגיין אַלע אָוונט אונטערן פאַרקאַן. ס׳מישן זיך אַרייַן די שיקסע מיט דער ניאַנע און קיינער ווייסט שוין ניט, ווער ס׳האָט די קריג אָנגעהייבן. אויפמאָרגן אינ־דערפריה איז מען נאָך אַלץ ברוגז איינע מיט דער צווייטער, אַלע שרייַען; די קעכין שפּייט ביילע העניען אין פּנים אַרייַן, זי האָט דערבייַ א פאַרפלאַמט רציחהדיג פּנים, זי פאַרגעסט אָנם טאָפּ, וואָס האַלט אין אויוון אין איין אויסלויפן, און טוט זיך א לאָז צו דער בעל־הביתטע, וואָס קומט אַרייַן די קיך אייַנשטילן און זיך פאַר ביילע העניען אָננעמען:

»ניין, גוואַלדעוועט זי, ס׳פאַרדריסט דאָך; אַלעמאַי זאָל זיך אַזאַ פּאַסקודסטווע אייַנריידן, אַז זי וועט חתונה האָבן נאָר מיט אַן איידעלן יידן?!«

און דאָס אַלץ ציהט זיך אָהן א שיעור לאַנג. ס׳חזרט זיך איבער אַלעמאָל פונסניי.

ביילע העניע לייַדט.

נאָר סוף־כל־סוף דערוואַרט זי זיך אויף איר גליק. א קאָפּ האָט זי פון תמיד אָן א שווערן, א צוגעשלאָגענעם

און אַביסל א טעמפּן· זי קאָן ניט טראַכטן אַפילו וועגן זיך אַליין, אַפילו וועגן איר גליק· נאָר וועבן וועבט זיך שוין עפּעס ביַי איר אין האַרצן און אין זכרון·

## IV

ביילע העניע געדענקט:

אַ זון באַשיַינט מיט שטראַלן און ווי דורך א זיפּ: דאָס איז א טאָג, א הייסער, א זומערדיגער; פורן פאָרן, קולות גרילצן, מענשן ווימלען, דאָס איז אַ יריד, א גרויסער מאַרקיריד דאָ אין שטעטל· קראַנצן ציבעלעס הענגען אַראָפּ פון די וואָגנס, אייער, זאָגט מען, איז בזול, און פורן פאָרן, פורן פאָרן, און אויף איינער פון זיי טרייסלען זיך די אַלטע צעלעכצטע פּלייצעס פון איינעם אַן אַלטיטשקן יידן, וואָס איז אָנגעטאָן אין זיַין שבתדיגער לאַסטיקינער קאַפּאָטע און אינם סאַמעטענעם היטל, וואָס מיטן אָפּגעריבענעם דאַשיק· דאָס איז דער אַלטער דוד לייזער, דער דַרדקי מלמד פונם נאָהענטן שטעטל· ער טרייסלט זיך די גאַנצע ציַיט אין גרויסן וואָגן צום גוי מיט די פּלייצעס, פּיפּקעט קלוגעטשקערהייט פון זיַין קורצער פּיפּקע און שמייכלט צו זיך אין די געלבליך־גרויע וואָנצעס: ער קומט אַהער, דוד לייזער דער מלמד, ער קומט אַהער אויפן יריד קויפן א צובער מיט א לאָקשנ־ברעט, וויַיל די אַלטע האָבן זיך אים צעבראָכן· די שכנה, וואָס באַקט אים ברויט שוין ציַיט צעהן יאָר, זינט זיַין אַלטעטשקע איז געשטאָרבן, זאָגט, אַז מ׳דאַרף ניַיע; ער קומט אַהער אויך דערפאַר, וואָס דאָ זיינען פאַרהאַן אסַך »קאנטיקאזעווער« און ער, אַליין אַן אַלטער, אַן אַמאָ־ליגער »קאנטיקאזעווער«, האָט אַלע יאָרן געליטן ביַי זיך אין שטעטל פון די אָרטיגע »ראַכמעסטריוקער«, זיך ניט

געמישט אין קלויז צו זייערע נוסחאות און געוואָרן מיט־דערצײַט א שטײַפער שווײַגער, א שמייכלער צו זיך אין דער קליינער גרויער באָרד און אין די געלבליך־גרויע וואָנצעס.

איז ער א שווײַגער, דער אַלטער דוד לייזער, שוין לאַנג ניט גערעדט. נאָר אַרום עלף אַזייגער אינדערפריה, אַז ער דערנעהענט זיך צו דער אַלטער קאנטיקאזעווער קלויז, פונוואַנען ס׳טראָגט זיך א ניגון פון איילנדיגע ירידעווודיגע »הללויהס«, אַז ער קומט אַהין אַרײַן, ווערט ער שיר ניט צעשמאָלצן פון ווילדער הנאה, וואָס חברה דערקאָנט אים. ניט ער רעדט, בשעת מ׳נעמט בײַ אים דאָרטן אָפּ שלום־עליכם, נאָר ער האַלט אין איין קוועלנדיגן שמייכלען. פון זײַן לאַנגשווײַגנדיגן, מיט קארענצעס פאַררויכערטן האַלז ציהט זיך דערבײַ עפּעס א מאָדנער קלאַנג, ווי דער קלאַנג פון א צופרידענעם שטומען:

»כע־כע־כע!...«

און א פּנים האָט ער דערבײַ אַזאַ, גלײַך ער האָט אָפּ־געטאָן דעם עולם א שפּיצל. מ׳האָט געמיינט, אַז ער איז שוין לאַנג א שוכן־עפר, כע־כע־כע!... און ער האָט דערוויזן א קונץ: ער לעבט. »חברה« געפינען אַפילו, אַז ער איז נאָך א »קאָזאַק«, נאָר אַז מ׳טרינקט נאָכן דאַווענען לחיים, ווערט מען געוואָר, אז ער איז שוין צעהן יאָר אַן אַלמן, און מ׳נעמט אים זאָגן מוסר:

»פּע, ווי קומט עס צו אים?«

יונה דער לאַנגער קנייטשט דעם שטערן און קראַצט זיך מיט די פלייצעס אין וואַנט, ער זאָגט, אַז ער דאַרף זיך אַרויסכאַפּן נאָר אויף א רגע:

»ער דאַרף וועגן דעם איבעררײדן מיט זײַן אַלטער.«

און דאַן הייבט אָן יונה דעם לאַנגנס ווײַב צו גיין אַהער צו דער גבירישער שנור אויף דער אונטערטיר. בײַ

ביילע העניען האַלט זיך אין יענעם טאָג אין איין רויטלען דאָס לענגליכע געשטיפּלטע פּנים, זי איז אָנגעטאָן אין דער נייער ציצינער פּלאַטיע, וואָס זי האָט צוגעגרייט אויף ראש־השנה, און דער מוח איז ביי איר שוין אינ־גאַנצן פאַרנעפּלט··· דער לאַנגער ירידטאָג איז א זון באַשיינט מיט שטראַלן, און דעם איבערגעפּולטן האַרץ פעלט א רגע צו פּלאַצן. סך הכל נאָך איינמאָל דאַרף אַהער קומען יונה דעם לאַנגנס ווייב און זאָגן, וואָס האָט »ער« געענטפערט:

»יאָ, צי ניין«.

אינאָוונט טוט זי א בלאָנדזשע מיט די קאָסע אויגן דאָרטן ביים רב אין שטוב, וואו מען שטעלט די חופּה, און טוט אויף אים צום ערשטן מאָל א קוק. ער געפעלט איר. אַרום אים בויגן זיך בעל־הבתישע פּלייצעס, און »ער« פּיפּקעט אַלץ קלוגעטשקערהייט פון זיין קורצער, מיט קאָרענצעס אָנגעפּולטער פּיפּקע און שמייכלט צו זיך אין די גרויע וואָנצעס. ס'האָט א פּנים ווי אַלטע גוטע־ברידער קיצלען אים, און ער לאָזט זיך.

---

און נאָך געדענקט ביילע העניע:

אויפן אַנדערן טאָג נאָך דער חופּה האָט ער זיך אומ־געקערט צו זיך אין שטעטל און זי געלאָזט איינעאַליין דאָ, ביי דער נגידישער שנור. אַלע האָבן געפּונען, אַז ס'איז קרום. מעגליך, אַז מ'האָט פון איר געלאַכט, און זי האָט זיך געשעמט צו קוקן מענשן אין פּנים אַריין, איר איז געוווען א בזיון. די נגידישע שנור האָט געזאָגט:

»אַזוי טאָן קאָן מען טאַקע נאָר ביי יידן«.

זי האָט ניט איבעריג ליב געהאַט יידן. זי האָט גע־וואַרט א וואָך און צוויי, אָטדי נגידישע שנור, נאָר סוף־

כל־סוף האָט זי געדונגען א גויישע פור און אויפגעזעצט אויף אירביילע העניען מיטן פעקל:

«היידא! אַהיים, צום נייעם מאַן».

## V

געדענקט ביילע העניע, ווי זי זיצט אויף אָטדער גויישער פור: זי פאַרט אָפּ, און אונטער אירע פּלייצעס לאַכן דער גבירישער שנורס דינסטן, זיי האַלטן אין איין לאַכן.

און נאָך געדענקט ביילע העניע:

דאָס נייַע שטעטעלע איז א ווילד פרעמדס. ס׳ליגט אַראָפּ־באַרג ביים היימישן טײַכל און הילט זיך אין זומערדיגן פאַרנאַכט. אַזוי זעהט עס אויס דעמאָלט צום ערשטן מאָל, ווען זי קומט אַהין אָן; ווײַבער, ווילד פרעמדע, באַגעגענען די טשערעדע און טרײַבן זייערע בהמות צום שטוב; מאַנען גייען דאַוונען און קוקן, ווי זי, ביילע העניע, קומט אָן מיט דער גויישער פור. דאָ און דאָרטן שטעלט מען זיך אָפּ און מ׳וואַרט, וואוהין וועט זי צופאָרן. און דער גוי, וואָס פירט זי, איז גראָד א היימישער; ער פאַר־פאָרט אין א שמאָלער סיטקע, וואָס צווישן צוויי אײַנגע־הויקערטע שטיבער, און שרײַט צו אַלע באַקאַנטע ווײַבער, וואָס שטעלן זיך אָפּ קוקן:

«צע יאַ יעמו דוד לייזאָרו זשינקו פריוויז . . .»

ביילע העניע פילט, אַז דאָרטן אין אײַנגעהויקערטן שטיבל טוט זיך עפּעס. דער אַלטער דוד לייזער זיצט דאָרטן אַרום טיש מיט דער גאַנצער קאַפּעליע קליינוואַרג, וואָס טראָגן אים גילדנס און פערציגערס שכר־לימוד; ער דערטײַטלט זיי צו נאַכט צו די גרויסע אותיות, וואָס אין די פיל אָפּגעפליקטע צעעפנטע סידורים. ער לאָזט זיי

פרײַ אָקאָרשט, ווען זי קומט אַרײַן אין שטוב, נאָר אויף איר טוט ער נאָך אַלץ קיין קוק ניט. שמייכלענדיג צו זיך אין די געלבליך־גרויע וואָנצעס, הייבט ער זיך נאָר אויף פונם אײַנגעזעסענעם אָרט, שטייט מיט די פּלייצעס צו איר און צעפּיפּקעט קלוגעטשקערהייט זײַן קורצע האַלבפאַרלאָשענע פּיפּקע; פון וואוילטאָג טוט ער נאָר א מאַך, ווי צו זיך אַליין:

»פכע!...«

און ווי אַלע פאַרנאַכט, גייט ער גלײַך אַוועק דאַווענען אין קלויז. נאָר אַז ער קומט צוריק טרעפט ער: דאָס שטיבל צוגעקליבן און ציכטיג־ריין, דאָס בעט צוגעגלייט, פון אונטערן טיש אויסגעקערט, און אין ברענענדיגן אויוון זידט די אַלטע שוואַרץ פאַררויכערטע טייבאַנקע. טרינקט ער טיי בײַם ברענענדיגן קאַניץ, וואָס אויפן טונקל באַלויכטענעם טיש, און שמייכלט נאָך אַלץ מיטן פריהער־דיגן שווייגערשמייכל. אים געפעלט עס. מעגליך, אַז ער וואָלט איר איצט געזאָגט עפּעס א וואָרט, נאָר ער ווייסט ניט, וויאַזוי מ'רופט זי. דערצו איז זי נאָך, משמעות, אַ שעמעוודיגע, זי זיצט די גאַנצע צײַט איינע־אַליין אין קיך אַקעגן דעם ברענענדיגן אויוון. אַז ער לעשט אויס דעם קאַניץ און לייגט זיך שלאָפן, זיצט זי נאָך אַלץ אין קיך. זי האַלט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און קוקט אינם האַלבאויסגעלאָשענעם אויוון.

---

פונדעמאָלטאָן רוקט דוד לייזער דאָס שכר־לימודגעלט מער ניט צו זיך אין דער פאַרשמאָלצעוועטער זשילעט־קעשענע, ער לייגט עס אַוועק אין קיך אויפן אויסגע־קרימטן פענסטערל. און בײלע העניע גייט מיט דעם אין מארק און קויפט דאָרטן, וואָס אַלע ווײַבער קויפן. איצט ווייסן שוין אויך אַלע ווײַבער, אַז זי איז א געשטיפלטע.

מ׳ווייסט אויך, אַז זי האָט א מאַן א לײַטישן, און מ׳פרעגט בײַ איר:

»ווי מיינט איר, זיי זיינען פריש אָטדי פיש?«

זי ענטפערט מיט א קנאַפּן וואָרט, זי רעדט כמעט קיינ־מאָל ניט. נאָר קאָכן קאָן זי דווקא, דער רוח האָט זי ניט גענומען. דער אַלטער דוד לייזער חידושט זיך ממש:

»אַפּנים דאָרט, בײַ דער גבירישער שנור, זיך אויס־געלערנט«.

זיי שטופּן ביידע די לעפל אין איין שיסל און קוקן ניט איינער צום אַנדערן, און ריידן ניט איינער מיטן צווייטן. נאָר איינמאָל טרעפט זיך:

ביילע העניע פּאַקט אין מאַרק א מציאה א קאַבאַק, א גרויסער געלער קאַבאַק, זי פּאַרטראָגט אים קוים אַהיים, אַזוי שווער איז ער, זי קאָכט אים מיט אַסך פּוטער, מיט הירזש און מיט אַלע תּגן, ווי מ׳קאָכט בײַ דער נגידישער שנור.

דער אַלטער דוד לייזער קומט פונם דאַוונען, דערשמעקט דעם געשמאַקן דאַמף און חידושט זיך שוין אַפילו:

»זעה ... פונוואַנען ווייסט „זי", אַז איך האָב ליב קאַ־באַק?«

דאָס ערשטע שיסעלע, וואָס זי דערלאַנגט אים, בלײַבט ממש ניט אונטער זײַנע הענט. ניט ער עסט, ער שלינגט, און כאַפּט, כאַפּט; ער לעקט די גלאַנציג נאַסע פינגער און זוכט געשווינט מיט די אויגן, ער וויל נאָך, נאָך. זי דער־לאַנגט אים דאָס צווייטע שיסעלע, דאָס דריטע, און ער כאַפּט אַלץ. איצט רעדט ער אויס צו איר צום ערשטן מאָל א וואָרט:

»א טײַערער מאכל, זאָגט ער, א וואוילער קאַבאַק«.

בײַ ביילע העניען רויטלט זיך דאָס געשטיפּלטע פּנים. זי מוז אוועקגיין א ווײַלע אין קיך. צום ערשטן מאָל

דערפילט זי גליק, און ס׳פאַרדרייט זיך איר דער קאָפּ. נאָר אינאָוונט הייבט אים אָן שלעפערן פריהער, ווי אַלע־מאָל, און ס׳וואַרפט אים אַריין אין אַזאַ קעלט, אַז זי מוז אים צודעקן מיט ביידע איבערבעטן. ס׳כאַפּט ביי אים דער מאָגן. ביינאַכט האָט ער אַזעלכע וויטאָגן, אַז ס׳לויפן זיך אָן אין שטוב אַלע אַרומיגע שכנים. מ׳לייגט אים וואַרעמע פּאָקרישקעס צום בויך און הייסע פלעשער צו די פיס. מ׳רופט דעם פעלדשער, וואָס קלאַפּט אים מיט די קאַלטע פינגער אין הייסן בויך און קוקט אים אין פּנים אַריין, ווי א באָק. מיטן טאָגליכט זאָגט מען, אַז ס׳איז אים געוואָרן גרינגער: ער איז אַנדרימלט געוואָרן, נאָר מיט א שעה שפּעטער ווערט פונסניי א גוואַלד; מ׳צינדט אָן אַרום אים ליכט, און פרומע יידן קומען מיט נאַסע פּיאות פון מקווה און זאָגן אַרום אים עפּעס פון גראבע סידורים. דוד לייזערס שוועגערין קיילע מלכה לייגט איין די וועלט. אַז מ׳טראָגט אים אַרויס פון שטוב אויף דער קורצער שמאָלער מיטה, רייסט זי זיך מיט אַלע כוחות און וויל נאָכלויפן מיט אַלע בעלי־בתּים נאָך דער לוויה. ווייבער רייסן זי קוים אַריין צוריק און בלייבן מיט איר דאָ אין שטוב, מ׳רעדט אַלע אינאיינעם. און ביילע העניע בלייבט נאָך אַלץ איינעאַליין אין קיך, און אירע שולדיגע אויגן שעמען זיך צו קוקן מענטשן אין פּנים אַריין.

## VI

פ ונדעמאָלסטאָן וואוינען דאָ אין שטוב דוד לייזערס שוועגערין קיילע מלכה מיט איר מאַן יוזעפן, און זי, ביילע העניע, וואוינט ביי זיך אין קיך. אין ווינקל, וואָס לעבן אויוון, וואוינט זי.

איטליכס מאָל, וואָס אין צוויטן נאָהענטן אַלקער שעפּטשען זיך מאַן און ווײַב, טוען בײַ איר דאָ אין קיך א בלאָנדזשע אויפּרעכטס און אויפלינקס די שולדיגע קאָסע אויגן, און די אויערן אירע שטרענגען זיך אָן און הערן זיך איין. זי האָט מורא, אַז מ׳וויל זי פונדאַנען אַרויסטרײַבן. קיינער ווייסט ניט, פון וואָס זי לעבט; מ׳זאָגט, זי האָט א קניפל, זי האָט עס אָנגעקליבן נאָך דאָרטן בײַ דער נגידישער שנור, וואו זי האָט פון תּמיד אָן געדינט.

ס׳קומט ראש־חודש אלול אינדערפריה, מ׳דאַוונט אָפּ איןביידע בתּי־מדרשים, גייט זי, ווי אַלע ווײַבער, אַרויף א באַרג צום בית־עולם אויף קבר־אבות.

זי איז נאָך אַלץ א שווייגערין, א קליינע, אַ ביינערדיגע, ווי א מאָגערע הון. זי באַהאַלט אויס דאָס געשטיפּלטע פּאָקן־פּנים אונטערן ווייסן קאָפּטיכל, און אירע שולדיגע קאָסע אויגן שעמען זיך דערבײַ צו קוקן מאַנסבילן אין פּנים אַרײַן.

אויפן בית־עולם קומט זי איינעאַליין מיט ווײַטע אויס־באַהאַלטענע שטעגעלאַך. זי זיצט לאַנג אונטערן פּאַרקאַן, קוקט זיך אַרום מיט די קאָסע אויגן פּאַרזיכטיג, ווי א פּאַרבלאָנדזשעטער נאַכטפויגל, שטשיפּעט אַרום זיך איינציגע גרעזעלאַך און הערט, ווי וויינענדיגע ווײַבער קעגנאיבער דעם פּאַרקאַן לייגן איין די וועלט, זיי רײַסן דאָרטן די קברים פון זייערע געשטאָרבענע מאַנען.

אויפן בית־עולם ווערט סוף־כּל־סוף שטיל. פּאַרוויינטע ווײַבער גייען זיך פונאַנדער, און דער אוהל איז שוין אויך צוריק געשלאָסן; דער גאַנצער פריהמאָרגן, די פריה אָפּ־געדאַוונטע קליינשטעטלדיגע בתּי־מדרשים, מיטן ציטעריגן קול פונם ערשטן וואָכעדיגן שופרבלאָזן, דאָס אַלץ, דאַכט זיך, איז שוין געוועזן אַזוי לאַנג, לאַנג. דעמאָלט שפּאַנט

זי אַריבער דעם בית־עולמדיגן פּאַרקאַן און שטייט איינע־אַליין שעהנלאַנג צווישן די פאַרלאָזטע מצבות· זי שטייט אַקעגן דוד לייזער דעם מלמדס קבר און האָט אים ניט, וואָס צו זאָגן, ער איז דאָך סך הכל דריי חדשים געווען איר מאַן· אַז זי דערמאָנט זיך אָן זיין פּנים, זעהט זי אים, ווי ער כאַפּט אָהן אויפהער די שיסעלאַך קאַבאַק, וואָס זי דערלאַנגט אים, ער שלינגט זיי הייסערהייט און האָט פּעטע גלאַנציגע פינגער; ער זאָגט צו איר:

»א טייערער מאכל, א טייערער קאַבאַק!«···

איצט ליגט ער דאָ· צווישן די שענסטע יידן ליגט ער זי קוקט לאַנג אויף זיין מצבה און געדענקט אים שוין גוט· און פּלוצים הייבט זי אָן צו זינגען, ווי אַלע ווייבער, מיט א טרויעריגן ניגון, און פּאַמעליך אויסגעצויגן, ווי מ׳באַוויינט א טויטן:

»האָסט ליב געהאַט קאַבאַק··· האָב איך דיר געקאָכט קאַבאַק«···

— — — — — — — — — — — — —

אַרום רוישט שטיל דאָס יונגע בית־עולמוועלדל· גרילן שפּרינגען אינם הויכן, קיינמאָל ניט געשניטענעם, גראָז· אין דער לופט חלומט זיך נאָך אַלץ א זיפץ פון א וויינענ־דיגער יידענע, א ווידערקול פון דערוויטערטע הייזעריגע צרות· מצבות פון קברים שטייען שורותווייז, פאַרלאָזט· אַז מ׳קוקט אויף זיי, דוכט זיך, אַז זיי וויסן עפּעס, זיי הערן· און צווישן זיי טראָגט זיך נאָך אַלץ ביילע העניעס שטיל וויינענדיג קול:

»האָסט ליב געהאַט קאַבאַק··· האָב איך דיר געקאָכט קאַבאַק«···

# דער לעצטער
# ראש השנה

I

קיין שמאָל גרין באַוואַקסן דאָרף פונפאָרנט און קיין סימן ניט פון א געוועזענעם »קאָלוואָראָט« בײַם אַרײַנפאָר. צווישן אָנדערטהאַלבנצעהנדלינג יידישע הײַזער, וואָס שטייען אין צוויי שורות אונטער אָפּגע־בלאַקעווע טשערעפּענע דעכער, טוט זיך דאָרטן א נײַ געקומענע פור מיטאַמאָל א לאָז אַראָפּ פונם פלאַכן נאַקעטן באַרג און שלעפּט זיך נאָכדעם פאַמעליך, פאַמעליך אויף דעם לאַנגן גריבלדיגן ברוק.

א לאַנגע שורה ווערבעס בויגט זיך אין דער לינקער זײַט ברוק צום בלאָטיגן טײַכל צו, און אין דער רעכטער זײַט טרייסלען זיך געדולדיג דעם אַלטן גערצענשטיינס צוויי גרויסע מילן. זיי זיינען תּמיד פאַרשטויבט און דערמאָנען, אַז מיסטיפּקע איז קליין, און אַז גלײַכע ווערט־לאַך גייען אַרום אין דער סביבה:

»אָרעם, ווי א מיסטיפּקער גביר...«

»פריילעך, ווי מיסטיפּקע אום שמחת־תּורה...«

»זיך אַביסל א לאָז געטאָן, ווי מיסטיפּקער בעלי־בתּים קיין אַמעריקע...«.

יונגע סוחרים אין דער געגנט האָבן זיך די לעצטע צײַט געמאַכט א געוואוינהײַט זיך לוסטיג צו מאַכן איבער אָטדעם קליינעם יישוב.

אינמיטן דער שטילער נאַכט, ווען נאָך א געלונגענעם

יריד קומט זיי אויס דעמדאָזיגן מקום אַדורכצופאָרן, הייסן זיי צעשמייַסן די פערד, שטעלן זיך אויף אויף דער בעל־עגלהשער בריטשקע און הייבן אָן צו שרייַען אַלע אינאיינעם און מיט אַלע כּוחות:

»מיסטיפקע!!!«

»מיסטיפקע!!!«

»מיסטיפקע!!!«

ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז איבער דידאָזיגע בייַנאַכטיגע קולות, איז א ייד א בעל־הבית אַרויסגעלאָפן אין די תּחתּונים אין גאַס, ער האָט געמיינט, אַז מיסטיפקע ברענט.

ס׳האָט זיך אויך געטראָפן, אַז א האַלבנאַקעטע יידענע האָט גלייַכגילטיג ניט געקאָנט אין בעט אייַנליגן; זי איז געשווינט פון איר שטוב אַרויסגעשפּרונגען און האָט גע־נומען נאָכשרייַען די פרעמדע יונגעלייַט אויפן קול:

»מיסטיפקע גיט אייַך א פּייַג!!!«

שוין לאַנג איז דאָס געווען.

איצט איז מיסטיפקע שוין לאַנג געוואוינט סייַ צו דער אייגענער געפאַלנקייט, סייַ צום בזיון, וואָס הערט זיך אין די בייַנאַכטיגע קולות. זי צאַנקט פון טאָג צו טאָג און וואַרט געדולדיג אויף גראָבע בריוו פון אַמעריקע. ס׳איז מער ניט, מען האָט ניט וואָס צו טאָן, און קיין למדנים איז מען אויך ניט, גייט מען אַמאָל אַרויס אינם געוועזענעם מאַרק, וואו עס נודעט זיך נאָך אין איר פוסטן קלייטל סך הכל איין פאַראָרעמטע קרעמערין, און מען שמועסט וועגן דעם געוועזענעם רב, וועמען מ׳האָט שוין פונדאַנען לאַנג אין א פרעמדער שטאָט צוגענומען, און וועגן דעם יונגנמאַן, דעם היגן שוחט, וועלכער קנעלט שוין דעם צווייטן זמן ערגעץ אין א ווייַטליכן דאָרף.

## II

באַלד נאָך שבועות האָט אין עק שטעטל ביזן גרונט אָפּגעברענט הינדע דער אַלמנהס שטוב. דאָס איז געווען א לאַנגע שטוב, וואָס איז ניט געשטאַנען, נאָר געלעגן אויסגעצויגן אויפן בויך און האָט גענאַרט צו זיך די גויים, וואָס האָבן אין גערצענשטיינס מיל ווייץ געפירט; די שטוב האָט פון תּמיד אָן צו זיך גערופן:

»אפשר א שנעפּסל, אַ? . . . א געשמאַקן פאַרבײַס . . .«

צום אַלטן גערצענשטיינען איז דעמאָלט פון טאָמסק געקומען צוגאַסט זײַן יינגסטע שטאַרק רײַכע טאָכטער, רחל. בשעת די שטוב האָט געברענט, איז זי אַליין געשטאַנען ניט ווײַט פונם פײַער; זי האָט געזעהן, ווי הינדע די אַלמנה לייגט אײַן די וועלט און שלאָגט זיך מיטביידע פויסטן אין קאָפּ; זי האָט די אַלמנה געטרייסט און האָט זיך נאָכדעם אײַנגעשפּאַרט שטאָל און אײַזן:

»מען מוז דער אַלמנה צוריק אויפבויען די שטוב.«

אַן עקשן איז אָטדי רחל פון תּמיד אָן געווען ניט קיין קליינער; אַזוי, למשל, איז זי מחמת איר עקשנות זיך צעגאַנגען איבער א נאַרעשקײַט מיטן באַוואוסטן אַדוואָקאַט פון דער סביבה, וואָס פלעגט אָפט פאָרן צו זיי אין הויז, און האָט צולהכעיסדיג געשווינט חתונה געהאַט מיט א יונגן טאָמסקער גביר, א ווילד פרעמדן סוחר.

זי אַליין האָט אויף דער שרפה געגעבן די ערשטע נדבה; אַליין איז זי מיטן פאָטערס אַלטינקן פאַעטאָן צוגעפאָרן אַכט וויאָרסט אין גרויסן וואַלד, וואָס צוויי פרעמדע סוחרים האָבן אים געהאַקט. זי האָט דאָרטן אַזוי לאַנג געטענהט, ביז איינער פון די סוחרים, א בחור און א שעמעוודיגער דערצו, האָט אָנגעהייבן נאַריש שמייכלען און האָט געזאָגט:

»נו, גוט. איך שענק האָלץ אויפֿן גאַנצן בנין«.
זי האָט אויך אַליין בעלי־מלאכות געדונגען און האָט אַליין אַכטונג געגעבן, מען זאָל וואָס גיכער די ערשטע עקיגע פיר סלופּעס אין דער ערד פֿאַרגראָבן.

הינדעו די אַלמנה איז נאָכגעגאַנגען פּיס טריט די געדונגענע בעלי־מלאכות, געוויינט פון פרייד, קלויבנדיג די שפּענדלאַך אין פֿאָדעלעק אַריין, און דערביי געשיט אַלערליי ברכות אויפֿן אַלטן גערצענשטיינס »פֿאַרדייטשטער« משפחה.

אָבער סך הכל אין א פּאָר וואָכן אַרום, גערצענשטיינס טאָכטער איז שוין דעמאָלט געווען אַוועקגעפאָרן צוריק קיין טאָמסק, זיינען הינדן אָנגעקומען פון אַמעריקע דריי שיפּסקאַרטעס מיט א גראָבן ניויאָרקער בריוו, וואו איר יינגערע שוועסטער האָט אָנגעשריבן:

»מעגסט שוין זיין זיכער: ביי אונז אין אַמעריקע וועסטו איה״ש גאָר אינגיכן אויפגעריכט ווערן...«

דער אַלמנה האָט פון די ווערטער »אויפגעריכט ווערן« מאָדנע שאַרף פֿאַרשמעקט מיט חתונה האָבן, און די נאָז האָט ביי איר פון זיך אַליין אָנגעהייבן פרום אונטערצושמאָרן, האָט זי גענומען די בריוו מיט די שיפּסקאַרטעס און איז אַוועקגעגאַנגען ווייזען צום אַלטן גערצענשטיינען אין הויף:

»וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין א געשטראָפטע אַלמנה, און דער קאָפּ איז קליין?... וואָס ווייס איך? מען שרייבט מיר: »קום צו פאָרן, וועסטו איה״ש אינגיכן אויפגעריכט ווערן...«

דער אַלטער גערצענשטיין, אַן אַמאָליגער אייינגעהויקערטער »דייטש« מיט א גרוי זקניש אונטערגעשוירן בערדל און מיט א בייזליך פֿאַרקרימט געלוואַקסן פנים, האָט איבער עפּעס מורא געהאַט די שיפּסקאַרטעס מיטן

בריוו אין די הענט צו נעמען· ער איז געשטאַנען אַקעגן דער יידענע איינגעהויקערט און פאַרקרימט, געצמאָקט די אַרייַנגעשטעלטע ציין פון נאָכן עסן און האָט האַרציג באַדויערט:

»אַי, אַי, אַי, ווידער קיין אַמעריקע ··· אַי, אַי, אַי ···«

איטליכע פרעמדע נסיעה קיין אַמעריקע האָט אים דאָ אין שטעטל איבער עפעס געשראָקן און האָט ביי אים אַרויסגערופן צי אַן אומצופרידנקייט, צי א פאַרדראָס:

»וואָס פליהען זיי אין אַמעריקע, וואָס?«

גלייַך ס׳האָט ענדליך געקאָנט קומען דערצו, אַז אויך ער זאָל דאָ אויפדערעלטער מוזן פאַרלאָזן זייַנע מילן און אַליין אויך אַהין אַוועקפאָרן·

פון עגמת־נפש האָט ער זיך נאָך דער אַלמנהס וויזיט געפּרובט צולייגן, נאָר אַנטשלאָפן ווערן ניט געקאָנט, זיך סוף־כל־סוף אָנגעטאָן אינם מאַנטל מיטן הענגקאָלנער און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין די מילן· דאָרטן איז ער לאַנג געזעסן אין קאָנטאָר אַקעגן יונגן בוכהאַלטער, וואָס לאָזט לעבן זיך לאַנג קילן די גלאָז טיי, און שרייַבט איבער פון איין גראָבן בוך אין אַנדערן· פון היסח־הדעת ווען האָט דער אַלטער עטליכע מאָל אַרויסגענומען פון מויל די פרעמדע ציין, זיי אויסגעווישט, צוריק צום גומען צוגעקלעפּט; ער האָט אונטערגעהייבן די אַקסלען:

»אָט זאָל דער בוכהאַלטער אַזוי גוט זיין און אים זאָגן פשט· מען פאָרט שוין ווידער קיין אַמעריקע ··· ער וואָלט נאָר א בעלן געווען צו דערגיין דעם שכל: וועל־כער כוח שלעפּט זיי אַהין אַזוי משוגענערווייַז? ···«

דער בוכהאַלטער, א יונגער בחור מיט מיידלש פאַרביגע בעקלאַך, וואָס איז פאַרדערצייַט פון זייַן גרויסשטעטיג עקסטערנלעבן געוואָרן צי א ציוניסט, צי א טעריטאָריאַ־ליסט, רוקט פאַמעליך צו זייַן אויסגעקילטע גלאָז טיי און

רעדט שעמעוודיג׳ ווי ס׳פּאַסט אין דער אָנוועזנהייט פונם בּעל־הבּית׳ ער שמעלצט זיך פון גרויס נחת׃

»יעדער ייד׳ זאָגט ער שעמעוודיג און קוקט ניט צום אַלטן׳ יעדער ייד׳ וואָס פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע׳ איז בײַ מיר ווי אַן אַסיגנאַציע׳ ווי געלטפּאַפּירן׳ וואָס מען באַהאַלט אין א זיכערער באַנק׃ דאָ אין רוסלאַנד איז מען דאָך ניט זיכער מיטן לעבן׳ סוף־כּל־סוף וועט מען דאָ אויסקוילען אַלע יידן«׃

ער אַליין האָט שוין איבערגעפּעקלט קיין אַמעריקע זײַן מוטער די אַלמנה׳ זײַנע עלטערע צוויי פאַרזעסענע שוועסטער און זײַנע צוויי קלענערע ברידערלאַך; איצט האָט ער שוין בײַ זיך אסך עמיגראַנטנקאַלענדאַרן מיט אַלערליי אַמעריקאַנער ידיעות און איז מיט דעם באַוואוסט אויף דער גאַנצער געגנט׃ יידן פון מיסטיפּקע און פון די אַרומיגע שטעטלאַך קומען צו אים אַהער אין מיל נאָך ידיעות׃ פאַרברענגט ער דאָ מיט זיי גאַנצע שעהן און רעדט זיי צו:

»וואָס פרעגט איר? פאָרט׃ אַז וואויל און גוט וועט זײַן צו אײַך«׃

דער אַלטער גערצענשטיין שרעקט זיך פאַר זײַנע רייד׃ ער איז מיט אים ניט מסכּים און קרימט אים נאָך:

»אויסקוילען ... אויסקוילען ... מען מאַכט זיך אַליין אָן א פּחד׃ יידן׳ געפינט ער׳ דער אַלטער׳ וועט אינ־ ערגעץ ניט גיין אַזוי גוט׳ ווי דאָ אין רוסלאַנד׃«

אָבער די וויינענדיגע אַלמנה הינדע איז צו אים אין הויף אַזוי לאַנג געגאַנגען און האָט אים דאָרטן אַזוי לאַנג דערעסן מיט די ווערטער »אויפגעריכט ווערן«׳ ביז ער איז אינכּעס געוואָרן׃ ער האָט מיט זײַנע געלוואַקסענע הענט די פּײַערקאַסע אויפגעשלאָסן און האָט איר מיט גרויס עקל אָפּגעגעבן דעם קאָנווערט מיט די הונדערט־

פופציג רובל, וואָס זייַן יינגסטע טאָכטער האָט דאָ און אין טאָמסק פאַר איר צונויפגעזאַמלט. די יידענע איז טאַקע אינגיכן אינאיינעם מיט אירע צוויי יינגלאַך קיין אַמעריקע אַוועקגעפאָרן, און דאָ אין שטעטל האָט זי ניט מער ווי איינעם אַן אָנדענק וועגן זיך געלאָזט: פיר גלייַכע אַרומגעטעסעטע סלופּעס האָבן געשטעקט אין אַלע פיר ווינקלען פון איר ביז דער ערד אָפּגעברענטער שטוב, געשטעקט מאָדנע פאַריָתומט און נאַריש און ניט געהאַט אויף זיך קיין בעל־הבית.

ערשט שבת־ראש־חודש, ווען מען האָט זיך, ווי תּמיד, בייַם אַלטן גערצענשטיינען אין קלייזל ראש־חודש בענשן צונויפגעקליבן, האָט מען זיך אַרומגעקוקט און באַמערקט:

»ס׳איז פאַרהאַן פונקט א געציילטער מנין, און ס׳פעלן פונקט הינדע דער אַלמנהס צוויי יינגלאַך«.

## III

אויף דער רייה — פאָרן קיין אַמעריקע — איז שוין דערווייַל אין מיסטיפקע געשטאַנען מלך שטעלמאַך, א יונגער, קרעפטיגער, געראָטענער און תּמיד שטרענג־ליכער בעל־מלאכה, וואָס האָט אָקאָרשט צוריק מיט א יאָר אָפּגעקויפט בייַ זייַן שווערס יורשים די שטוב און איז געוואָרן בייַ זיך א מיוחס. די אַרומיגע פּריצים האָבן אים ניט אַנדערש אַהער אַהיים זייער אַרבעט געמוזט צו־שיקן.

נישקשה, פרנסה האָט אָטדער מלך שטעלמאַך געהאַט, קיין גרויסער בעל־הוצאה איז ער אויך ניט געווען, שכל געהאַט דאָ אין מיסטיפקע א רובל אָפּצולייגן און מיטן ווייַב האָט ער דווקא אויפן שטרענגן אופן גוט געלעבט און האָט זי שטענדיג געריפן צונעמען בייַ די קונים דאָס

פאַרדינטע געלט; ער האָט צו איר בייזליך געשריגן אין שטוב אַריין׳

»יוכבד! גיי׳ נעם צו ביים דבר־אחר די פירערס«׳

ער האָט געגלויבט׳ אַז אינם געלט׳ וואָס פאַלט אַריין גלייך צו יוכבדן אין די הענט׳ קומט אַריין די ברכה׳

פאַלט אָבער אָטדעם יאָט פלוצים אַריין א משוגעת אין קאָפּ אַריין׳ אַז ער איז דאָ עלנט׳ ווי א שטיין; אַז ווי־באַלד זיין פעטער איצע מיט די פיר בנים זיינען שוין אַלע אין אַמעריקע און דעם שווערס ביידע זין זיינען שוין אויך דאָרטן׳ און ער האָט דאָ ניט שבת און יום־טוב צו ווען א וואָרט אויסצוריידן׳ צוליב וואָס זשע טויג אים דאָ זיין שטוב מיטן גאַנצן פאַרמעגן און מיטן געלט׳ וואָס ער קלויבט אָן?

אָנגעהייבן האָט זיך מיט אים דידאָזיגע משוגעת נאָך באַלד נאָך פסח׳ ווען קיין אַמעריקע איז אַוועקגעפאָרן זיין שכן׳ פיניע דער סאַרווער׳ דאָס איז געווען א הויך־כער׳ דאַרער און אַביסל איינגעהויקערטער ווערטלזאָגער מיט א כלי־זמרש אונטערגעצופּט בערדל און מיט צוויי לאַנגע הענט׳ אָהן וועלכע קיין נגיד פון סביבה האָט זיך ניט איינגעשטעלט א חתונה פראַווען׳

צוויי טעג פאַרן אַוועקפאָרן האָט פיניע דער סאַרוועער זיך געקויפט א האַלב טוץ שאַליאָווקעס און האָט זיי צע־שניטן מיט מלך שטעלמאַכס זעג אויף קליינע שטיקלאַך׳ ער האָט דערביי געשיט אַלערליי קללות אויף שונאי־ישראל און האָט פאַרשלאָגן די פענסטער פון זיין שטוב׳ וואָס אויף איר האָט זיך דאָ אין מיסטיפקע שוין קיין קונה ניט געפונען׳ אַזאַ מין גוואַלדיגער פחדן איז שוין אָטדער פיניע סאַרוועער געווען און אַזוי אומרוהיג איז ער געווען די גאַנצע צייט׳ זינט אים האָט ערגעץ אין א גרויסער שטאָט דער פּאָגראָם פאַרכאַפּט׳

מלך שטעלמאַך האָט זיך שוין דעמאָלט געפילט מאָדנע, געשטאַנען ביי דער אַרבעט הינטער פיניעס פלייצעס און צוגעקוקט, ווי פיניע מאָלט זיך אויס, אַז איטליכס ברעטל איז א לעבעדיגער פאָגראָמשטשיק; ער האַלט זיי אין איין שעלטן, בעת ער קלאַפּט זיי צום פענסטער:

»נאַ דיר א צוויאָק אין קאָפּ, וואַנקע ממזר.«

»האָב דיר א קרענק אין די ביינער, כוליגאַנטשיק... אָטאַזוי; ווער באַגראָבן.«

צוויי פענסטער האָט ער אַזוי פאַרקלאַפּט פונאויבן ביז אַראָפּ, נאָר ביי די איבעריגע האָט ער פלוצים זיך אָפּגעשטעלט, אַרויפגערוקט דאָס היטל און פאַרטראַכטער־הייט מכבד געוועזן זיך אַליין מיט די אמתע עטליכע קללות:

»פיניע סאַרווער, טיפּש דו איינער, לאַנגער סטראָץ! צוליב וועמען פאַרקלאַפּסטו די פענסטער? די כוליגאַנטשיקעס ווילסטו דאָס א שיינע ירושה לאָזן?«

און נאָכדעם האָט ער שוין פון אַמעריקע אָנגעהייבן שיקן צו מלך שטעלמאַך אָפטע ליבע בריוולאַך. צו וואָס האָבן אים די בריוולאַך גענוצט? גלאַטאַזוי. ער האָט דאָרטן אין אַמעריקע פריילכע און רוהיגע ימים־טובים געהאַט, און גוט איז אים דאָרטן אויך געוועזן, ווי א גוי, האָט ער געוואָלט אויך אַהער, אין דער אַלטער היים, טרעפן מיט זיינע גלייכוועַרטלאַך:

»מלך זשאבע, באַקום די כאַראָבע. דיין מיסטיפקע שטייט דאָך פשוט אינדרויסן«.

און נאָך:

»ס׳לאָזט דיר פונדאַנען גריסן דיין פעטער איצע און בעט דיך, זאָלסט פאַר אים פאַרשלאָגן אין ראָד א שפּיצע«.

קאָן מלך שטעלמאַך אַזוי אינמיטן הייסן זומערטאָג שטיין אינדרויסן ביי דער אַרבעט, דרעלעווען א קלעצל אָדער אַרויפשלאָגן אַן אָבוד, און פלוצים זאָל אים באַ־

פאַלן עפּעס סתם א בענקשאַפט, און זײַן גאַנצע מלאכה זאָל אים מיאוס ווערן, און דעם שטערן זײַנעם זאָל באַ־שלאָגן א שווייס. צומאָנהייב מיינט ער, אַז שולדיג איז אין דעם זײַן עלפּיאָריג מיידעלע, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום באָרוועס און זוכט עפּעס צווישן די שפּענער. ער הייבט אָן צו קוקן אויפן קינד קרום, שטעלט אָן אויף דעם מיט רציחה זײַנע בייזע טונקלרויטליכע אויגן און טוט אויף דעם מיטאַמאָל אַזאַ געשריי מיט זײַן קלינגענ־דיגער ברוסטשטימע, אַז דאָס קינד ווערט אזש פאַר־ציטערט:

»וויאַזוי קלייבסטו די שפּענדלאַך, וויאַזוי?«

ס׳דוכט זיך, אַז קוקנדיג אויפן קינד מיט די רציחהדיגע אויגן, וועט ער דעם באַלד וואַרפן אין קאָפּ אַרײַן די האַק, צי דעם עקבויער. ער טוט אויס דעם פאַרטאַך, וואַרפט אַוועק דאָס געצייג פון האַנט און גייט אַרײַן אין שטוב. דאָרטן האָט ער זיך ניט וואו אַהינצוטאָן. ער קוקט מיט שלעכטע אויגן אויף די צוויי נייע הילצערנע בעטן און וויל זיך עפּעס געפינען מיטן ווײַב, וואָס קלייבט איבער פאַסאָליעס אויף וועטשערע:

»ווען ניט זי, דאָס ווײַב זײַנס, וואָלט ער דאָך אָטדי בעטן ניט געווען געקויפט«.

נאָר דאָס ווײַבל איז פון תּמיד אָן א שווײַגנדיגס, א שטילס. זי קוקט זיך אפילו צו אים נישט אום. נעמט ער סוף־כּל־סוף אַרויס פון שופלאָד דעם פעטער איצעס צוגעשיקטע קאַרטע און באַטראַכט זי:

אַן אַלטער גרייזגרויער און קלוגער ייד, און אַן אַמערי־קאַנישן צילינדערהוט טראָגט ער שוין, שמייכלט גוט־האַרציג, ווייך און וויל, דוכט זיך, זאָגן:

»טו איך שוין, הייסט עס, אַליין גאָרנישט... אויף מיר אַרבעטן שוין די קינדער...«

מלך שטעלמאַך גייט אַרויס צוריק אינדרויסן און נעמט זיך ווידער צו זײַן אַרבעט· באַפאַלט אים אָבער באַלד נאָכאַמאָל די בענקשאַפט, נישטאָ וואו זיך אַהינצוטאָן· ער ווערט זיך אַליין מאָדנע מיאוס און אין קאָפּ הערט זיך אים דערבײַ ניט אויף צו דרייען:

»ס׳לאָזט דיר גריסן דײַן פעטער איצע און בעט דיך, זאָלסט פאַרשלאָגן פאַר אים אין ראָד א שפּיצע«·

טוט ער סוף־כל־סוף אָן אויף זיך דאָס וואָכעדיגע ליכ־טיגע כאַלאַטל און גייט אַוועק אין מאַרק אַרײַן צו אסתּר חיה דער קרעמערין· ער מאַכט מיט איר א שמועס וועגן איר איבערפאָרן קיין אַמעריקע:

»נו, וואָס הערט זיך? פרעגט ער בײַ איר, איר קלערט טאַקע אַמאָל פאָרן?«

ענטפערט זי אים אָבער אַזוי פאַמעליך און קאַלט· זי איז א פאַרשוואַרצטע און גרויליכע און פאַרשפּרייט אַרום זיך תּמיד אַזאַ ריח, גלײַך זי האָט נאָרוואָס געסמאַלעט הינער·

»וואָס זשע דען? זאָגט זי, איך וועל ניט פאָרן?«

אַליין קויפט זי שוין ניט פון נאָך פסח אָן קיין נײַע סחורה· איר האַלבפינסטער קלייטל ווערט פון טאָג צו טאָג פוסטער, און דאָס יינגל אירס, דער בן־יחיד, וואָס האָט געוואָלט עקזאַמען האַלטן, האָט זיך שוין צוליב אַמעריקע צום פּריזיוו ניט געשטעלט און קנעלט דערווײַל אין א נאָהענט דאָרף· נאָר אײַלן אײַלט זי נישט, און קומט צו איר אַרײַן א גויע, וואָס האָט הינער צו פאַר־קויפן, פאַרגעסט זי לחלוטין אָן אים, מלך שטעלמאַך, און אָן גאַנצן שמועס וועגן אַמעריקע· זי פאַרקרימט דאָס פנים פון גרויס אינטערעס צו דער נײַער קניָה, קראַצט זיך אונטערן קאָפּטיכל און האַלט די גויע אין איין נודען:

»סקילקי זשע דאַטע, נו? · · · וויסים הריווין דאַטע?«

מלך שטעלמאַך פאַרדריטט עס שטאַרק׳ ביז דער לעבער· ווען אָטדי יידענע זאָל זיין זיין ווייַב אָדער כאָטש א קרובה׳ וואָלט ער זי מכבד געווען מיטן אמתן »מי שברך«· אומצופרידן גייט ער פונדאָרטן אַוועק אין מיל אַריַין און האָט מורא צו באַגעגענען זיך דאָרטן מיטן אַלטן גערצענ־שטיינען· אַלע וויסן:

דער אַלטער גערצענשטיין האָט ניט ליב׳ אַז מען פאָרט קיין אַמעריקע·

און אין א ווייַלע אַרום שטייט ער שוין דאָרטן פאַרן יונגן בוכהאַלטערס טיש׳ קוקט ווי יענער דרייט די טיי מיטן לעפעלע און הערט׳ ווי ער זאָגט:

»פאָרן קאָן מען דורך ברעמען און דורך ליבוי׳ שיפן גייען אָפּ צווייַמאָל א וואָך· און פאַר אַגענטן דאַרף מען זיך היטן׳ ווי פאַרן מלך המות«·

## IV

אין א פאָר חדשים אַרום האָט מלך שטעלמאַך׳ פונקט ווי פיניע דער סאַרוואר׳ פאַרשלאָגן די פענסטער פון זייַן שטוב און האָט זיך נאָכאַמאָל גוט אויסגערעכנט׳ דורך וואָסער א וועג צו פאָרן·

דער בוכהאַלטער אַליין האָט פאַרן פאָרן אים און דעם ווייַב זייַנעם אין די אויגן אַרייַנגעקוקט און האָט אים מוט צוגעגעבן:

»מאָלאדצע׳ ריין ווי גאָלד׳ נו׳ אַרויף אויפן וואָגן און היידע׳ אַוועק ···«

און אַליין איז ער נאָך אינאיינעם מיט עטליכע ווייַבער נאָכדעם געשטאַנען בייַ דער פאַרלאָזטער שטוב און האָט מיט די אויגן די פור באַגלייט· דאָס האַרץ האָט׳ אפנים׳

אין אים געשפּרונגען פון גליק, האָט ער פריילעך א כאַפּ געטאָן פאַר די אַקסלען איינעם א נאָהענט שטייענדיגן בחור און אים טרייסלען אָנגעהייבן:

»נו, אבא, ווען פאָרסטו?«

דער אַלטער גערצענשטיין האָט וועגן דעם טאַקע א שטיק צײַט ניט געוואוסט.

נאָר אינגיכן זיינען אין איינעם א קילן שבתצונאַכטס אויסגעפאַלן די ערשטע סליחות. אַרום האַלבע נאַכט האָט מען זיך צום אַלטן גערצענשטיינען צונויפגעקליבן אין קלייזל און מ׳האָט זיך אַרומגעקוקט:

»ס׳גייט אָפּ צו א מנין טאַקע אָטדער מלך שטעלמאַך און נאָך איינער אַן אָרטיגער ייד א חזן, וואָס האָט זיך, אַלע יאָר, ערגעצוואוהין פאַרדונגען אויף ימים־נוראים«.

יידן זיינען געשטאַנען מיט שעמעוודיג־שמייכלדיגע פנימער און האָבן זיך צום ערשטן מאָל אין לעבן דער־פילט, ווי יום־טוביקעס:

»וואוהין קלערט מען, אַשטייגער, פאָרן אויף ימים־נוראים?«

א פרעמדער סוחר, וועמען ס׳איז צופעליג אויסגעקומען אויפמאָרגן צו זיין דאָ אין די מילן, האָט עס נאָכדעם אינם היפּשן ווײַטליכן שטעטל צעפּויקט:

»גרייט צו עליות, מיסטיפקע פאָרט צו אײַך אויף יום־טוב.«

און דער אַלטער גערצענשטיין, דער אַמאָליגער טייטש, האָט זיך נאָך אַלץ עפּעס ווי ניט ווויסנדיג געמאַכט און האָט קיין הכנות ניט אַרויסגעוויזן.

צי האָט ער געקלערט, אַז עמיצער אין שטעטל וועט פאַלן אויפן שכל און וועט פון ערגעץ אַראָפּברענגען אויף ימים־נוראים א פאָר געדונגענע יידן?

צי, אפשר, האָט ער זיך גלאַטאַזוי ניט געגלויבט, אַז

זײַן קלײן שולכל זאָל שטײן אום ימים־נוראים פוסט, און האָט זיך סומך געװען אויף א נס?

אָקאָרשט ערב ראש־השנה, װען צו זונזעצנזיך איז שוין געבליבן ניט מער, װי א פאָר שעה, האָט ער גע־הײסן דעם פאַעטאָן שפּאַנען, זיך אַרײַנגעזעצט אין אים א ברוגזער, אײַנגעהױקערטער און װאַרעם אָנגעטאָנענער און איז ערגעצװאוהין די מיסטיפקער בעלי־בתּים אויף יום־טוב נאָכגעפאָרן.

---

אין מיסטיפקע זײנען געבליבן ניט מער װי אסתּר חיה דער קרעמערינס ײנגל און גערצענשטײנס בוכהאַלטער. דער ערשטער דערפאַר, װאָס צוליב אַמעריקע האָט ער זיך צום פּריזיװ ניט געשטעלט, באַװײַזן זיך אין שטעטל איז פאַר אים געװען א סכּנה, און דער בוכהאַלטער, גלאַטאַזוי. קײן איבעריג פרומער איז ער דאָך פון תּמיד אָן ניט געװען. חוץ דעם, האָט ער געהאַט נאַרעשע גע־דאַנקען אין קאָפּ:

»כּדאי, האָט ער געזאָגט, צו זעהן, סאַר אַן אויסזעהן האָט אום ראש־השנה א פאַרלאָזט שטעטל מיט צװײ פוסטע געשלאָסענע בתּי־מדרשים.

ס'האָט זיך גענומען זעצן די ערב־ראש־השנהדיגע אײליג פרומע זון. דער בוכהאַלטער האָט אָפּגעגעבן אַ פאָר באַ־פעלן אין די מילן, װאָס האָבן באַלד אָהן זײַן השגחה שוין אויף גאַנץ ראש־השנה זיך גענומען טרײסלען, און אַלײן האָט ער פאַרשלאָסן די קאָנטאָר און איז אַװעק־געגאַנגען אײנעראַלײן איבערן שטעטל. ס'איז דאָרטן דורכויס געװען שטיל און פוסט. אויף טירן פון גע־שלאָסענע הײַזער זײנען געהאַנגען שלעסלאַך. דאָ און דאָרטן האָבן הינער אַרומגעשפּאַנט, װי אויף די שפּיצ־

פינגער, ניט געגלויבט דער שטילקייַט, אויסגעצויגן ווי ווייַט מעגליך די קעפּלאַך און געוואָרפן איבערגעשראָקענע בליקן אויפרעכטס און אויפלינקס. אין איינער א פּאַר־שלאָסענער שטוב האָט מען פאַרגעסן אַרייַנלאָזן די קאַץ. זי האָט זיך דאָרטן געהויקערט בייַ דער טיר און אומעטיג געמיאַוקעט.

דער בוכהאַלטער איז צוגעגאַנגען צו דער קרעמערינס אויסגעלאָשענער שטוב און האָט אָנגעקלאַפּט אין פענסטער.

»ברוך, קום אַרויס אַביסל«.

און די בחורים, וואָס האָבן זיך אַמאָל ביידע צו די עקזאַמענעס געגרייט, זיינען געגאַנגען ביידע אַרויף דעם באַרג, צווישן דעם פאַרלאָזטן מיסטיפּקע, געגאַנגען פּאַמע־ליך און געשמועסט מכּוח זיך, מכּוח פאַרלאָזטע שטעט און מכּוח יידן:

»אָטאַזוי באַדאַרפן דאָ בלייַבן אַלע שטעטלאַך; מען דאַרף זיי וואַכן ... פּשוט וואַכן«.

און ביידע האָבן דאָך געפילט א נאָגנדיגע חרטה, א חרטה פאַרן שטעטל, א חרטה אויף זיך אַליין, אַלעמאי זיי זיינען דאָ געבליבן און אינערגעץ אויף ראש־השנה ניט געפאָרן, און געשוויגן האָט זיך מאָדנע אומעטיג, בענ־קענדיג.

דאָרטן פונאויבן, אין עק באַרג, לעבן די פיר סלופּעס, וואָס האָבן געשטעקט אין הפקר געלאָזטן פּלאַץ פון הינדע דער אַלמנהס אָפּגעברענטער שטוב, האָבן זיי זיך אָפּ־געשטעלט, און דער בוכהאַלטער האָט באַמערקט דאָס גראָז, וואָס הייבט אָן דעם פּלאַץ צו באַוואַקסן.

»זעה נאָר, זעה נאָר, האָט ער געזאָגט, גראָז, ווי אויף א בית־עולם, אויף א קבר«.

און פּלוצים האָט ער זיך פאַרטראַכט. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים קיין מזרח, זיך פּאַמעליך פונ־

אַנדערגעשאָקלט און האָט פלוצים אָנגעהייבן צו דאַוונען מיט א טרויעריגן נוסח פון ראש־השנה:

»ה׳ צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב סלה«.

»ה׳ צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב סלה«.

ס׳איז געווען שטאָקנאַכט, און ס׳האָט ערגעצוואוהין אַוועקגעברענט א ווײַטער עק הימל. ווײַט ווײַט, רעכטס פון פוסט פאַרלאָזענעם מיסטיפקע האָבן זיך אַוועקגעצויגן די ברייטע ניט געאַקערטע שמיטה־פעלדער און האָבן ערגעצוואו דערגרייכט א ווײַטליך שטעטל מיט אַן איבער־פילט באַלויכטענעם בית־מדרש, וואו ס׳האָבן פרום גע־דאַוונט און תשובה געטאָן ראש־השנהדיג שימערירנדיגע יידן. ווײַט איז געווען אַהין, צו יענעם שטעטל, און פונ־אונטן, בײַם בריק, זיינען שוין באַלויכטן געשטאַנען דעם אַלטן גערצענשטיינס ביידע מילן און האָבן וואָכעדיג זיך געטרייסלט, געטרייסלט.

# אין איינעם א זומער

# I

»אייזיק, שטיי בײַם פּלויט«.

»לאָז ניט די חזירים, אייזיק.«

אייזיק האָט א פּאָר לאַנגע הענט, פּעסטע און פאַר־קאַשערטע העכער די איילנבויגנס. און אַליין איז ער א שטאַרקער, א מוסקולדיגער, ווי א שמידגעהילף, וואָס קלאַפּט מיטן גרויסן האַמער. ער שטייט אינם ווײַסן אַריינגעלאָזטן סטודענטנהעמדל בײַם טויער אויף דער זון; און לעבן אים גאָר נאָהענט גייען דורך די אַכט »שטיק־לאַך«. זיי מעלה־גרהן און סליונען פון היץ.

פון די בהמות שמעקט מיט פאַרטריקנטן קיהען־צאות, מיט פרישער מילך, מיט שטויב און מיט אויסגעטריקנטן דאָרף, וואָס האָט שוין צוויי וואָכן כסדר אומזיסט גע־לעכצט נאָך רעגן. דאָס הייטל אין נאָז ווערט דערפון אויפגערעגט ביז גאָר, ס׳ווילט זיך ניסן.

אייזיק פאַרמאַכט דעם טויער און פילט, אַז פון אים אַליין שמעקט שוין אויך מיטן זעלביגן גערוך, מיט שטויב שמעקט פון אים און מיט פרישער, נאָך ניט געמאָלקענער מילך. ער שמייכלט. פאַמעליך און פויל גייט ער נאָך דעם פעטער יודלס עלטערער טאָכטער, סימען; ער גייט איר נאָך אין הויף אַריין צו די שטאַלן. נעכטן איז ער איר אהין נאָכגעגאַנגען פונקט אַזאַ שוויַיגנדיגער ווי איצט, א קליגערער פון דער אַרבעט, וואָס זיי טוען. דער

היינטיגער טאָג וועט, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, זײַן ענליך אויפן נעכטיגן.

אַרום ברענט די זון פון העלן האַלבן טאָג, ס׳גליהט דער ברענענדיגער תמוז. דאָס גרויסע פּירוויאָרסטנדיגע דאָרף האָט אויסגעשיט אַלע ברואים אין פעלד אַריין און שלאָפט מיט דער גאַנצער צעוואָרפענער ברייט, וואָס צום טאָל און צום טײַך מיט די געלע זאַמדיגע ברעגן; ס׳דראַפּעט זיך פון יענער זײַט טײַך אויפן באַרג, ס׳פּאַרציהט זיך דאָרטן מיט א דרימלדיגן נעפּל פון זומערדיגער ווײַט און באַהאַלט אויס אין שטילן עק דאָס נגידישע יידישע הויז, מיט די צוויי געשניצטע גאַניקעס איןביידע זײַטן און מיטן יונגן מיידל, וואָס האָט זיך אַהין ניטלאַנג אומ־געקערט פון דער פרעמד, פון שטודירן, אַפּנים, צי פון פאַרברענגען אין דער גרויסער ווײַטער שטאָט.

»אייזיק, שטיי בײַ די קעלבלאַך«.

אייזיק קוקט אויף יעדער בעריעשער באַוועגונג, וואָס ס׳מאַכט סימע, דעם פעטער יודלס עלטערע טאָכטער, און א געפיל איז בײַ אים א פאַרשלאָפנס און פוילס, גלײַך ער איז נאָרוואָס אויפגעשטאַנען א גרויסן גאַנצפריה; דאָס האַרץ צאַפּלט נאָך אין אים מיט לעצטן זיסן דרימל, מיט חלום וועגן יונגן, ניטלאַנג געקומענעם גבירישן מיידל, מיט וועלכן ער האָט זיך צוריק מיט עטליכע טעג דאָרטן בײַ איר פאָטער אין הויז באַקאָנט.

»אוליאַנאַ!« רופט סימע.

אוליאַנע צעטיילט די מעלקשעפלאַך, און סימע, אין ווייכן, ווײַסן קלייד, קוקט פריהער אַריין אין יעדן פון זיי, צי זיי זיינען ריין. אוליאַנע איז אויך א זאַך, אייזיק קוקט, ווי אירע שטײַפע אָפּגעברענטע איילנבויגנס אַרבעטן געשווינט בײַם מעלקן, און א באַהאַלטן שמייכעלע פאַר־גראָבט זיך אים טיף אין די ליפּן און אונטער די געדיכטע

ברעמען לעבן די אויגן. איינמאָל האָבן זיי ביידע גע־טרייסלט א באַרנבוים אין ווײַטסטן ווינקל פון גאָרטן, ער פון איין זײַט, און די באָרוועסע אוליאַנע פון דער צווייטער זײַט, האָט ער געזעהן, אַז ער איז העכער פון איר מיט גאַנצע צוויי קעפּ און אַז בײַ יעדן בליק זײַנעם לאָזן זיך אירע אויגן אַראָפּ, ווי בײַ א צנועה. איצט איז אייזיקן וואַרעם אין האַנט: ער קראַצט אין האַלז דאָס יונגע אַרויס־געלאָזטע קעלבל, וואָס האָט אויסגעצויגן דעם קאָפּ מיט פאַרגלאָצטע אויגן און מיט בענקשאַפט צו מאמע־קוה.

»אייזיק וואַרט א רגע«.

און אייזיק פאָלגט; ער באַהאַלט אויס דאָס שמייכעלע אין די ליפּן און אונטער די געדיכטע ברעמען לעבן די אויגן און באַוואונדערט ערגעץ אין טיפסטער טיף פון זײַן וועזן:

»אַ מאָדנע הויז דאָ אין דאָרף, דעם פעטער יודלס ...«

דער פעטער יודל, א מענש אין די פופציגער, אַן אויס־געפּוצטער אין די גאווהדיגע שטיוולעטלאַך, א רעסאָלוט־דיג ווייכער און א תמיד צופרידענער. ס'שמייכלט אויף אים אַלץ, אַפילו די ברייט צעקעמטע, ווייכע באָרד, אַפילו די גלאַט פאַרשפּיצטע זאַמשינע שיך, וואָס ער לאָזט זיך תמיד נייען לויט איין און דעמזעלביגן פאַסאָן. תמיד איז בײַ אים »גאָט צו דאַנקען« און זינגענדיג »וואויל, זעהר וואויל«. כאָטש אַליין האָט ער מער ניט חתונה געהאַט ערשטן ווײַב דער פאַרשוין, וואָס איז זעהר יונג געשטאָרבן און האָט אים איבערגעלאָזט צוויי פּיצלאַך קינדער אויף אויפ־צוציהען. אַלע הייסן זיי בײַ אים מיט פאַרצויגענע נעמען:

»סימעלע«.

»רחלע«.

און אויך ביי זיי, ביי די קינדער זיינע, איז תמיד »גאָט צו דאַנקען« און זינגענדיג »וואויל, זעהר וואויל«, כאָטש סימען האָט נאָך צוריק מיט עטליכע יאָר אַוועקגעוואָרפן איר מאַן דער וואָיאַזשאָר, און מען קאָן עד היום ניט וויסן, וואו ער געפינט זיך, אין אַמעריקע, צי אין טיף רוסלאַנד. און רחל, די יינגערע, די שיינע, מיט די שטאַרק שוואַרצע געשוירענע האָר, האָט אויך איר מאַן ערגעצוואו, אויף דער וועלט. ער איז א געוועזענער פּראָוויזאָר, אַן אַקטיאָר, און פּאָרט אַרום איבער פּראָווינציעלע שטעט מיט דער טרופּע, וועלכע ער שטעלט אַליין צונויף. מוראַנאָוו, הייסט ער, אָטדער מאַן רחלס, דער געוועזענער פּראָוויזאָר און אַקטיאָר. און אויך אַזוי רופן אים דאָ ביים פּעטער יודל אין הויז אַלע, אַפילו דער פּעטער יודל אַליין, און אַפילו רחל, די פרוי זיינע.

»מוראַנאָוו, זאָגט מען דאָ, האָט שוין פאַרגעסן דעם וועג אַהער«.

»מוראַנאָוו האָט פיינט צו שרייבן בריוו«.

און דאָס אַלץ האָט אַזאַ ווייטן שייכות צו אים, אייזיקן, וואָס געפינט זיך שוין דעם צווייטן חודש דאָ אין דאָרף ביים פּעטער יודל אין הויז און טוט גאָרנישט. ער איז א סטודענט, און ווי יעדער סטודענט, פילט ער ניט, אַז ער גייט אַרום בטל. אים קומט אום זומער רוהען. אין שטאָט, וואו ער לערנט, האָט ער פאַרטייחברים, קריסטן און יידן, און אַלע זיינען זיי אַזעלכע יונגע, שטייפע און פרא־אדמדיגע, ווי ער. מען שרייבט קיינעם וועגן זיך קיין בריוו ניט, און מען זאָגט קיינמאָל ניט איינער דעם צווייטן, אַז מען האָט זיך ליב. איינמאָל איז ער מיט א פּאָר פון זיי אָפּגעזעסן ביי פיר חדשים אין טורמע, איז ער אַרויס פונדאָרטן נאָך א מער שטייפער און גרייטער, א פאַרעקשנטער אויפאייביג. נאָר וועגן דעם ווייסט ניט

קיינער דאָ בײַם פּעטער יודלען אין שטוב, ניט מע פרעגט אים, ניט ער דערציילט. ער טוט דאָ אַלץ, וואָס מען הייסט אים, און פאַרנאַכט נעמט ער א האַנטאַך און גייט זיך באָדן צום גערייזלטן טײַך, וואָס האָט געלע זאַמדענע ברעגן, און אַז ער גייט צוריק, האַלט די זון שוין בײַ זעצן זיך, און ער באַגעגנט ס׳רוב דאָס יונגע גבירישע מיידל דאָרטן לעבן גרויסן הויז מיט די נײַע געשניצטע גאַניקעס, וואָס שמעקן נאָך מיט זעהר העל געלער, פרישער פאַרב. פון אים שמעקט מיט טייכוואַסער, מיט נאַס געווירצל און מיט געזונטן יונג, וואָס קאָן נאָכן באָדן איבערקערן בערג, און זי פירט זיך אַרום מיט א קליינטשיק שוועסטערל, וואָס איז שטאַרק קאפריז און מוזיניקדיג קלוג. איר ברוסט איז אָפן נאָר אינדערהייך בײַם האַלז, זי איז ברוין פון זון, ווי אָפּגעשמירט מיט ברוינער פאַרב, און אויך אַזוי איז איר פּנים.

„לינאַ, לינאַ, זאָגט זי צום קליינעם מיידעלע, און לאָזט עס ניט זיך אַראָפּזעצן אינמיטן וועג אויף דעם זאַמד, וועסט דאָרטן גאָרניט ניט געפינען, לינאַ!“

זי איז רוהיג, און עפּעס פאַרטראַכטס איז דאָך תמיד פאַרהאַן סײ אין אירע גרויע אויגן, וואָס מיט די גרויסע ווײַסליכער, סײ אין איר קול. אייזיק פּילט צו איר פון ערשטן טאָג אָן עפּעס א ווייך געפיל, ווי צו א שוועסטער. אַז ער גייט אַוועק, געדענקט ער נאָך אַלץ זי, מיט איר גרויסן הויז, וואָס שטייט בײַם וועג א גאַנצן טאָג אַקעגן ברענענדיגער זון, שטייט מיט ס׳רוב פאַרמאַכטע דרויסנ־לאָדנס און האָט ניט דאָרטן, אין די פיל ניט באַלעבטע צימערן, קיינעם, אַחוץ אָטדעם מיידל מיטן קינד. ס׳דאַכט זיך, אַז זיי זיצן דאָרטן תמיד אין איינעם פון די ערשטע צימערן און הערן זיך איין אין א שאָרך, וואָס ערגעץ ווײַט אין די עקסטע חדרים.

»שאַ, זאָגט זי לינען, זיך איין«.

אוןביידע וואַרטן זיי דאָרטן, אַז דער שאָרך אין די ווייַטע חדרים זאָל זיך נאָכאַמאָל איבערהאַזרן.

## II

באַלד נאָך שבועות, ווען ער איז אַהער אַראָפּגעקומען, האָט אויף אים בייַנאַכט אויפן וואָקזאַל, מיט א שמייכל אויף די ליפּן און מיט ברייטקייַט אין דער צע־קעמטער באָרד, געוואַרט דער פעטער יודל, און געשמעקט האָט פון אים בייַם צעקושן זיך מיט פּאַלמירעזייף, מיט »גאָט צו דאַנקען« און מיט »וואויל, זעהר וואויל«. און אינדערהיים, בשעת זיי זיינען מיטן טאָגליכט אָנגעקומען, האָט געזאָטן דער סאַמאָוואַר, און אין שטילקייַט פון עס־צימער, וואָס רוהט נאָך פון בייַנאַכט, איז געווען עפּעס געטרייַעס, און פאַרשלאָפענע, אַרומגעוואַשענע און געטרייַע זיינען פון זייערע שלאָפצימערן, איינע נאָך דער אַנדערער, אַרויסגעגאַנגען סימע און רחל, ביידע אין לייַכטע שטוב־קליידער, ביידע מאַמעדיג געניטע, אָהן רייד, האַרציגע, מיט זיכערע האָראָפּאַשנע בעל־הביתטעהענט און מיט בקיאות פון אָנשטענדיגע פרויען, וואָס האַלטן פּענסיאָנערן. און נאָכדעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עפּעס פּענסיאָנעדיגס איז טאַקע דאָ אין הויז פאַרהאַן. דער אויסגעפּוצטער פעטער יודל, בייַ וועמען קיינער וועט אייביג ניט דער־גיין, צי ער וועקסלט אַליין די אויסגעפּוצטע שיך, צי ניין, פאָרט אַלעטאָג אַוועק צו זייַנע קאַלכשטיינער, וואָס ער רייַסט און ברענט און מאַכט אין זיי קליינע גליקן, און אַהער אין הויז קומען אַלעטאָג עסן מיטאָג פיר־פינף מענשן פון דער רייַכער ראַפּאַנאַדפּאַבריק, וואָס אַרויס

דאָרף אויפן באַרג· צווישן זיי איז פאַרהאַן א דאָקטער, אַן אינזשענער און א נידעריגער פוקער און פריילעכער קאַרדופל א כימיקער, און אַלע זיינען זיי דאָ אין הויז צופרידן, וואָס זיי רייַסן זיך אָפּ אויף א פּאָר שעה פון זייער אַרבעט אין פאַבריק, און אַלע צאָלן זיי דאָ פאַר מיטאָגן מיט געלט אין קאָנווערטן, און אַז זיי פאָרן ערגעץ אַוועק, שרייַבן זיי אַהער קאַרטלעך מיט לאַנדשאַפטן פון אַלע גרויסע וואָקזאַלן, וואו זיי פאָרן דורך, און פון אַלע גרויסע שטעט, וואוהין זיי קומען, און אַז זיי קערן זיך נאָכדעם אום צוריק, ברענגען זיי אַהער מתנות, קליינע, זעלטענע, נאָר פאַרשטעלט טייַערע, כדי מ׳זאָל זיך דאָ אין הויז ניט באַליידיגן און ניט שרייַען אויף זיי, אַלעמאי זיי זיינען אויסברענגער. און אַז עמיצער פון זיי שפּאַצירט נאָכדעם מיט סימען, צי מיט רחלען אויפלאַנג אַוועק איבערן דאָרף, איז דאָס נאָר אויסשליסליך צוליבדעם, ער זאָל איר קאָנען באַלד אויסדערציילן וועגן אַלע סיכסוכים, וואָס ער האָט מיט זייַנע בני בית, און פרעגן בייַ איר אַן עצה...

אייזיק רעדט דאָ מיט זיי זעלטן, כאָטש אים קומט אויס יעדן טאָג צו זיצן מיט זיי בייַ איין טיש. ער קוקט אויף זיי ווי פונדערזייַט, מיטן פאַרבאַהאַלטענעם שמייכעלע אויף די ליפּן און אונטער די געדיכטע ברעמען, גלייַך נאָר אים אַליין איז באַוואוסט דער סוד פונם ווירקליכן לעבן, אים מיט זייַנע חברים פון דער גרויסער שטאָט, וואָס שרייַבן זיך קיינמאָל קיין בריוו ניט און זאָגן קיינמאָל ניט איינער דעם צווייטן, אַז זיי האָבן זיך ליב. איטליכס מאָל, וואָס זיי פאַרפירן דאָ בייַם טיש א שמועס וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס רירן אים אָן, ווערט ער פלוצים נאָך געהאַרטעוועטער און שטייַפער, ווי ער איז, און די אויגן ציהען זיך בייַ אים צונויף אַביסל איראָניש, גלייַך

ער רויכערט א פּאַפּיראָס און האָט מורא, דער רויך זאָל
אים ניט אַריין אין די אויגן אַריין.

»Такъ« זאָגט ער שטילערהייט און האַלט זיך איין און
מאַכט אַזאַ באַוועגונג, גלייַך ער וויל זיך אויסציהען, נאָר
ס'איז ניט שיין ביים טיש, »Такъ« חזרט זיך איבער ערגעץ
טיף אין אים, און זייַנע צוזאַמענגעצויגענע אויגן קוקן
נאָך אַלץ אַביסל איראָניש פון אונטערן שמייכל, וואָס
לעבן די ברעמען.

ס'מאַכט זיך:

דער דאָקטער, דער אינזשענער, דער קאַרדופל דער
כימיקער און די איבעריגע פּאַרזיצן זיך דאָ ביים טיש
נאָכן עסן צוליב אָפּרוה פון שווערער אַרבעט און פון
גרויסן קעסלטומל, וואָס דאָרטן אין פאַבריק; מען טרינקט
רויטן וויַין, פון דעם, וואָס מע שיקט אַהערצו צעהנדליגער
פלעשער פון פאַבריק, מען רויכערט פּאַפּיראָסן, מען
רייניגט זיך די ציין און מען באַרעדט יעדער מינדסטן
סיכסוך, וואָס אין פאַבריק. אין פאַבריק איז, ווייזט אויס,
ניט רוהיג; ס'וואַקסט דאָרטן א שטילע אומצופרידנקייַט
ערגעץ טיף אינם טומל. נאָר דער אינזשענער געפינט,
אַז ס'איז ווערט א שמעק טאַבאַק.

»די אַרבעטער אין היגן קאַנט, זאָגט ער, זיינען גע־
וועזענע פּויערים«. און אַלע זיינען מיט אים מסכּים:
מ'שטיינס געזאָגט:

»וואָס קאָן זיַין גוט? דער קאָפּ זייערער איז דער
צווייטער מעכאַניק אין די בלויע ברילן«.

»אַן אמתער פּרא־אדם«.

»אחוץ אָרנטליכקייַט, פאַרמאָגט ער גאָרניט אויף דער
נשמה«.

און דער אינזשענער דערציילט, וויאַזוי ער האָט מיט
אים נאָך זיַין לעצטן אַרויסטריט געהאַט א שמועס:

»פאן פאמארסקי, האָט ער אים געזאָגט, ס׳שאַדט ניט צו באַקענען זיך מיט א געגנער«.

דער דאָקטער לאַכט:

»און מיט פּאָליטישער עקאָנאָמיע?«

»כע—כ—ע...«

»זיי וועלן, ווי אַלעמאָל, ניט אויספירן גאָרניט«.

»וועמען גייט עס אָן?«

»זיי וועלן אונטערצינדן די פאַבריק, אָט וועט איר זעהן«.

»זאָל זי ברענען«.

און אַלע מאַכן זיי אַן איינדרוק פון זייַטיגע, גלייַכגילטיגע, געקומענע פון א פרעמדער וועלט; זיי וועלן זיך דאָ אביסל פאַרהאַלטן; זיי וועלן אַלץ צוזעהן און וועלן פאַרשווינדן. דער אינזשענער איז נאָך דערצו א קלוגעטשקער און א לץ. ער איז נאָך גאָר א יונגער און א רייַכער, ער איז א מיוחס בייַ אַלע זייַנע באַקאַנטע, א מיוחס אויף דער פאַבריק, ער פּראַקטיקירט דאָ דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, און מיטן ברוינעם גבירישן מיידל איז ער באַקאָנט, אַפּנים, נאָך פון דער גרויסער שטאָט, גאָר נאָהענט באַקאָנט, ער גייט אָפּט צו איר אין הויז.

»מען דאַרף קעמפן« זאָגט ער אויסגעצויגן מיט א שטאַרקן טראָפּ אויפן לעצטן וואָרט.

ער קרימט נאָך דעם צווייטן מעכאַניק מיט די בלויע ברילן, און אַלע שמייכלען. נאָר אייזיקן זיצט זיך שוין ניט מער בייַם טיש. ניט ער קאָן, ניט ער וויל דאָרטן ווייַטער בלייַבן. ער גייט אַרויס אין הויף אַריין און ווייסט ניט, צו וואָס ער זאָל זיך נעמען.

»וואָס, אַשטייגער, וואָלט ער איצט געקאָנט טאָן?«

ווען דעם פעטער יודלס פערד און וועגל זאָל איצט זייַן אינדערהיים, וואָלט ער איינגעשפּאַנט און וואָלט געפאָרן

אַרויס דאַרף צו דער בערע· פאַרנעמען א טייל פונם גע־
קויפטן היי· ס׳וואָלט אים אויסגעקומען צוויי מאָל הין
און צוריק דורכפאָרן פאַרבײַ דעם הויז מיט די צוויי געלע·
געשניצטע גאַניקעס·

נאָר דאָס פערד און וועגל איז נישטאָ· די בהמות אויך
ניט· אין דעם פוסטן הויף באַקט די הייסע תמוזדיגע זון·
נאָך אביסל· און ס׳וועלן פון זיך אַליין· דאַכט זיך·
אָנהייבן ברענען דער בוריאַן· דאָס אויסגעטריקנטע גראָז
מיטן הויפן שפענער· וואָס אין ווינקל· לעבן דער גע־
שלאָסענער קאַמער·

## III

פאַרנאַכט זיינען זיי איינמאָל געגאַנגען אַראָפּ א באַרג
מיטן דאָרף· סימע· דעם פעטער יודלס עלטערע
טאָכטער· דער קליינער פריילכער קאַרדופל דער כימיקער·
און ער· אייזיק· בײַ סימען זיינען די אויגן געווען רויט־
ליך און דאָס לענגליכע פנים אויסגעמאַטערט· באַדעקט
מיט אסך פודער· און האָט געהאַט אַזאַ אויסזעהן· גלײַך
זי האָט פריהער שעהנלאַנג געוויינט· זי האָט געהאַלטן
אין איין ריידן וועגן עפעס מיטן קליינעם כימיקער· אין
איין דערציילן· און אייזיקן איז דער שמועס געווען אויף
אַזויפיל לאַנגווייליג· אַז ער האָט אומבאַמערקט אָנגעהייבן
אָפּשטיין פון זיי אויף אַלץ מער און מער טריט· ער איז
געבליבן שטיין אינמיטן דער לאַנגער גריבלדיגער בריק
בײַם אופוסט· וואָס לעבן דער שטייענדיגער מיל· און האָט
גענומען קוקן אַראָפּ צום וואַסער· וואָס גיסט און רינט
און פליסט פון אונטערן שלעכט פאַרמאַכטן שליוזי· פונ־
אונטן האָט שטיל געפלאָסן דאָס קליינע ריטשקעלע· וואָס
האָט איןביידע זײַטן צוויי הויכע גרובן מיט צוויי גערטנער·

פאַרזייטע מיט קרויט. א פאַרשפעטיגטע, אַליין געבליבענע קאַטשקע האָט דאָרטן שווימענדיג געטונקט דאָס קעפל אין וואַסער און אַן איינזאַמער טאפאל א ריז איז דאָרטן איינאַליין געשטאַנען אויפן קליינעם באַגרינטן האַלבן אינזל און האָט געבויגן ניט מער ווי דעם שפיץ זײַנעם אין יענער זײַט, וואוהין ס׳בלאָזט דער ווינט, געבויגן קוים קוים און שווער, ווי מיט גוואַלד. גלײַך ער איז גרייט גיכער מיטאַמאָל אינגאַנצן אומוואַלגערן אויף דער ערד, איידער קניען און בויגן זיך פאַמעליך. פלוצים האָט אייזיק דערהערט, ווי סימע רופט אים אויפן קול.

»וואָס זשע שטייסטו? אייזיק!«

צי האָט עס ניט געהייסן, אַז זיי האָבן ווירקליך עפּעס אויסצובאַהאַלטן פון א זײַטיגן אויער?

זיי האָבן אים אָפּגעוואַרט. האָט ער זיך ווידער געמוזט לאָזן שפאַנען אין איין שורה מיט זיי. איצט איז געווען קלאָר: מען גייט מיט א וויזיט אַהין, אינם הויז, וואָס מיט די צוויי געלע און נײַע געשניצטע גאַניקעס. בײַ אייזיקן האָט א קלאַפ געטאָן דאָס האַרץ. אויף די טרעפלאַך פונם רעכטן גאַניק, וואוהין זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען, האָט ער דערזעהן א באַקאַנטן מאָטאָציקלעט, מיט א באַקאַנט היטל אויף דער באַנק, און אָקאָרשט אין עסצימער בײַם טיש האָט ער דערזעהן דעם אינזשענער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער מאָטאָציקלעט מיטן הוט זיינען דעם אינזשענערס, פלוצים דערפילט צו זיי א שנאה, צום מאָ־טאָציקלעט און צום היטל, און פלוצים געקראָגן חרטה:

»נאָך וואָס האָט ער זיך אַהער נאָכגעשלעפט?«

ער איז דאָ געווען א זײַטיגער, א פרעמדער. ער האָט זיך פאַרצויגן מיטן פאַפּיראָס, וואָס ער האָט גענומען בײַם פריילעכן קאַרדופל דעם כימיקער, זיך אַנידערגעזעצט בײַ־דערזײַט אויף דער באַנק, וואָס לעבן פענסטער, זיך

Ex bibl. univ. Tart.

דאָרטן ווידעראַמאָל פאַרצויגן ענערגיש, און טיף מיט א שמייכעלע אונטער די ברעמען און מיטאַמאָל ערגעץ טיף אין זיך באַשלאָסן, אַז אים איז פריילין·

»ס׳איז גוט«·

»אייזיק, האָט אים סימע פונם טיש גערופן, וואו ביזטו?«

»כ׳בין דאָ«·

און אים איז באמת ווי געוואָרן פריילין פון זײַן קול, פון זיך אַליין, פון דעם, וואָס ער זיצט דאָ אין הויז אָפּ־געזונדערט אָנאַזײַט און זעהט צו אַלץ, וואָס אַרום אים קומט פאָר·

דאָס גאַנצע געשעהעניש דאָ אין הויז איז באַשטאַנען דערין, וואָס היינט אינדערפריה האָט זיך פון אויסלאַנד מיט איר לעבערפעלער אומגעקערט די בעל־הביתטע, א דאַמע אין די מיטעלע יאָרן, אַן אומעטיגליכע מיט אייגענע גלאַט צוגעקעמטע האָר, וואָס איבער זייער אומנאַטירליך רויטליכער פאַרב זעהען זיי אויס, ווי א פּאַריק· זי איז געזעסן אויבנאָן מיט מידקײַט אין לענגלין אָפּגעברענטן פנים און מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, און אין די אויגן האָט זיך געוואָרפן דאָס, וואָס אַלע אַרום, אחוץ איר, זיינען אויפגעלייגט און פריילין· זי האָט געהאַלטן אין איין קוקן אין פּראָפיל אויפן יונגן אינזשענער, וואָס זיצט לינקס פון איר בײַם טיש, זיך באַגעגנט מיט זײַן בליק, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, זיי אויפגעהויבן און ווידער אויף אים געקוקט, גלײַך ער איז שוין איינער פון אירע בני־בית· ער איז צוגעקומען צו איר הויזגעזינט פונקט פאַרדערצײַט, וואָס זי איז ניט געווען אינדערהיים, און איצט איז זי געקומען און אים געטראָפן שוין אַן אייגענעם, א דערוואַקסענעם און גרייטן; מען האָט איר געזאָגט:

»דו ווייסט? מאַמע · · ·«

און זי האַלט דערפאַר אויף אים אין איין קוקן.

דער יונגער אינזשענער האָט זיך פריילּיך געהויקערט און זיך געבויגן איבערן טיש צו סימען צו. עפּעס האָט ער געהאַט בײַ איר צו מאָנען, פאַר א געוועט, אַפּנים. סימע האָט זיך גענויטיגט אין כימיקער, ווי אין אַן עדות. נאָר דער כימיקער האָט אַרויסגעטראָגן די קליינע לינע אויף די אַקסלען און האָט אָנגעשפּאַרט אין צווייטן עק חדר.

»אייזיק, האָט סימע גערופן, קום אַהער«.

»כ׳בין דאָ« האָט אייזיק געענטפערט.

אים איז געווען גוט דאָרטן לעבן פענסטער. ער האָט זיך ניט גערירט פונם אָרט, און סוף־כל־סוף איז געשעהן די פרייד. צו אים, אייזיקן, האָט זיך דאָרטן אויף דער באַנק צוגעזעצט דאָס גבירישע מיידל מיטן ברוינעם פּנים, וואָס ער באַגעגנט פאַרנאַכט נאָכן באָדן זיך, גייענדיג צוריק פון טייך. מען האָט זי א פּאָר מאָל גערופן צוריק צום טיש, נאָר זי איז דאָך געבליבן זיצן לעבן אים. נאָר דער כימיקער מיט לינען האָבן זיך ביידע נאַריש געמאַכט אויף אַזעלכע קולות, אַז מען האָט לחלוטין ניט געקאָנט הערן, וואָס זי זאָגט; אין וואָס איז באַשטאַנען איר פראַגע? זי האָט געוואָלט וויסן מיט אַוועלכע קרייזן האָט זיך אייזיק אָנגעקערט דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט; זי האָט דאָך עטליכע יאָר דאָרטן אין שטאָט געוואוינט; זי געדענקט אַלע פּנימער פון די, וואָס זי האָט באַגעגנט אַפילו אין גאַס.

אייזיק האָט געשמייכלט מיט די ברעמען און ערגעץ טיף אין זיך; ער האָט געמוזט מודה זײַן:

»אויך ער האָט זי דאָרטן קיינמאָל ניט באַגעגנט... קיינמאָל...«

און אין האַרצן האָט ער בשעת מעשה געפילט די גרויסע ווייסליכער, וואָס אַרום אירע גרויע אויגן.

»איר וועט נאָך לאַנג בלײַבן דאָ אין דאָרף?«

זי איז, הייסט עס, צוגעגאַנגען אים זאָגן, אַז זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט באַגעגנט און פרעגן, צי ער וועט נאָך לאַנג בלײַבן דאָ אין דאָרף, און אים איז געוואָרן דערפון אַזוי פריילִיך, גלײַך זי האָט אים צוגעזאָגט גיל־דענע בערג. פון דאַנקבאַרקײַט האָט ער איר געהאַלטן אין איין נאָכקוקן. ער האָט געזעהן, ווי זי וואַרפט אויף אים בליקן פון צווייטן האַלבן צימער, וואוהין מען האָט זי אַוועקגערופן, זי האָט אים אינזינען די גאַנצע צײַט און וועט נאָך צו אים צוגיין. נאָר אַהער צום הויז איז שוין געהאַט צוגעפאָרן דער פאָטער אירער, דער בעל־יועץ פון דער ראַפּאַנאַדפאַבריק. ער איז צוגעפאָרן מיטן נײַעם פאַעטאָן און מיט די נײַע פערד, וואָס מען האָט אים דאָרטן אין פאַבריק ניטלאַנג פאַר איינע א זעלטענע עצה געשענקט. ער איז אַרײַנגעקומען שטיל, ווי שטיל ער קומט תמיד אַריין אין פאַבריק, וואו מען טוט ניט אָפּ קיין מינדסט קליינִיגקײַט, ביז מען פרעגט זיך פריהער בײַ אים נישט אָן; ער האָט באַשײַנט דעם אויבנאָן מיט זײַן גע־קנייטשט לאַנגער רויטליכער באָרד, מיט דער זיידענער פעסע, וואָס העכער דעם טיף וואַקלענדיגן שטערן, און מיטן שמייכל, וואָס לײַטזעליגט אַלעמען, אַלעמען אַרום טיש, לײַטזעליגט שטיל אָהן לשון:

»מען פאַרברענגט, הייסט עס, פריילִיך בײַ מיר אין הויז... איך בין זעהר צופרידן...«

און אַרום האָבן שוין געקלונגען טעלער און לעפל. מען האָט געגרייט אויפן לאַנגן צערוקטן טיש. מען האָט גע־רעדט אַלע אינאיינעם, ווי ערב א שמחה, און מען האָט ניט באַמערקט, ווען האָט מען אָנגעצונדן די לאָמפּן און ווען איז אויסגעוואַקסן אויפן טיש דער שנייוויַיסער, עס־וואָס געקראָכמאָלטער טישטאַך.

אין יענעם אָוונט האָט מען דאָרטן, אין גבירישן הויז, וואָס מיט די צוויי געלע גאַניקעס, געגעסן פיש מיט פרישן פיינקוכן, מען האָט געטרונקען ווײַן פון גלײַכע פלעשער, וואָס האָבן אויסגעליידיגטערהייט אויסגעזעהן העלגרין און מאָדנע נײַ, און אַלץ איז געווען ענליך אויף א שמחה, אויף א האַלבאָפיציעלן קנַסנמאָל.

דער אינזשענער מיטן לענגליכן, ניט שיינעם פנים און מיטן שטאַרק דינעם האַלז איז געזעסן אויבנאָן, לעבן בעל־הבית, ווי א חתן, און דער דאָקטער, וואָס איז אָנגעקומען שפּעטער, ווי אַלע, און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עסן, האָט צופיל אַראָפּגעקוקט צו די פינגער, וואָס גלעטן די ניט־דערטרונקענע גלאָז ווײַן, צופיל געשמייכלט און זיך צופיל געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער זאָל דאָ באַלד אויפן אָרט באַגריסן חתן־כלה, צי ניין. ער איז אָנגעקומען שפּעט און האָט ניט געוואוסט, וואָס האָבן אין דעם זין געטאָן אָטדי אַלע, וואָס עסן פריילִיך אַרום טיש און ריידן פריי־ליך איינער מיטן צווייטן. אייזיק איז אויך געווען איינער פון די, וואָס עסן פריילִיך און ריידן פריילִיך. ווען די פלעשער, וואָס שטייען אַרום אים, האָבן אָנגעהייבן ליידיג ווערן, האָט ער זיך אויפן פשוטן שטייגער האַלב אויפ־געהויבן און האָט פריילִיך געבעטן בײַם דאָקטער, ער זאָל צורוקן פולע. אים האָט באַנג געטאָן, אלעמאי דאָ איז נישטאָ קיינער פון זײַנע חברים פון דער גרויסער שטאָט, מיט זיי וואָלט געווען פריילִיכער. נאָר שפּעט, אַרום צוויי אַזייגער בײַנאַכט, ווען מען האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער מיטאַמאָל ווי חרטה געקראָגן אויף דער גאַנצער פרייד. ער איז אָפּגעשטאַנען פונם עולם, געגאַנגען איינ־אַליין מיט א נאָגנדיג געפיל און האָט ניט אויפגעהערט געדענקען, וויאַזוי זי, די ברוינע מיט די גרויסע ווײַס־ליכער אַרום די אויגן, האָט דאָרטן פריילִיך אַרויסבאַגלייט

אַלעמען פון הויז. פאַרוואָס איז בײַ אים א גאַנצן אָוונט געווען אַזאַ געפּיל, גלײַך די שמחה דאָרטן אין הויז קומט פאָר נאָר צוליב אים, אייזיקן?

## VI

אייינגעשלאָפן שפּעט, געהאַלטן א גאַנצע נאַכט בײַ זיך אין זכרון דעם נעפּלדיגן אָנדענק פון איר פּנים, פון אירע אויגן און פון אַלע באַוועגונגען פון איר געשטאַלט. און נאָכדעם אויפגעשטאַנען אין אַן אומגעוואוינליך גרויסן גאַנצפריה, דערזעהן א נײַע פײַכטע וועלט בײַם פרישן גאָלד פון זונענאויפגאַנג און גלײַך גענומען שפּאַנען דעם פּעטער יודלס פערד און וועגל, גענומען שפּאַנען מיט עקשנות פון א ניכטערן און מיט שפּורן פון א נאַכטגעדאַנק:

»באַסי הייסט זי... א פּשוטער נאָמען, באַסי...«

פון שטוב אין אונטערשטן קליידל האָט זיך סימע שטיל אַרויסגעשאַרט, זיך אַרויסגעשאַרט פאַרשלאָפענערהייט ניט מער, ווי אויף א רגע, זי וועט אים אַרויסבאַגלייטן און וועט באַלד זיך לייגן נאָכאַמאָל שלאָפן, ס׳איז נאָך פריה:

»צוערשט וועט ער פאָרן צו די קאַלכשטיינער, ער וועט נעמען דעם פּעטער יודלען אַהיים. און צוריקוועגס זאָל ער ניט פאַרגעסן אַרײַנפאָרן אין דער ראַפּאַנאַדפאַבריק און פאַרנעמען די פינף זעק קוישלאַך, וואָס מע האָט פון זייערטוועגן אין שטאָט אײַנגעקויפט«.

»גוט, ער וועט ניט פאַרגעסן«.

און גלײַך אַוועקגעפאָרן פון הויף, א טרייב געטאָן דאָס פערד מיט עקשנות פון א ניכטערן און מיט שפּורן פונם לעצטן נאַכטגעדאַנק:

»באַסי הייסט זי · · · אַ פשוטער נאָמען«·

אַז ער האָט זיך אינאיינעם מיטן פעטער יודלען אומ־געקערט, איז שוין געווען פאַרנאַכט· די זון האָט געלויכטן נידעריג, אינאַזייַט; א »קלוניעדאַך« אין א שכנישן פויערשן הויף האָט געשטראַלט ווי גיגגאָלד; איבערן גאַנצן דאָרף זיינען געווען צעוואָרפן פיל אַזעלכע שטרויענע דעכער, און אַלע האָבן געשטראַלט· דאָס זיינען געווען »אירע« דעכער, »איר« דאָרף· און סימע מיט רחלען אין אונטער־געקליבענע קליידלאַך זיינען ביידע געשטאַנען אין דער גרויסער קיך און געהאָלפן דער גויישער קיכנע קלעפּן פון קעז און טייג די מילכיגע ווערשערע· ס׳האָט פלואים פאַרשמעקט מיט א קינדעריש ווייטן לאַנגאָנענדיגן און מידן טאָג, א תענית· ס׳האָט זיך עפּעס אי יאָ געגלויבט, אי ניט געגלויבט, אַז ס׳איז היינט תשעה־באָב, דאָ אין דאָרף תשעה־באָב · · ·

יענער טאָג איז אַממייסטן געבליבן אין זכרון, ווייַל אין עסצימער אַרום טיש זיינען די בענקלאַך געווען פונאַנדער־גערוקט און אין גלעזערנע שעלעכלאַך זיינען געלעגן האַלבאָפּגעשיילטע ניטדערעסענע פרוכטן, און סימע האָט איבערגעגעבן, אַז זי, באַסי, איז דאָ געווען:

»זי איז דאָ געזעסן בייַ א פּאָר שעה און מער און האָט געוואַרט אויף אים, אייזיקן«·

אַך יאָ, אָטדי סימע, וואָס שטייט אין אונטערשטן קליידל און העלפט אַלץ קלעפּן די מילכיגע ווערשערע, זי האָט דעמאָלט שיר פאַרגעסן אים דערציילן, אַז באַסי האָט געבעטן, ער זאָל אַרייַנקומען·

»אויב ער וועט נאָר דורכגיין דאָרטן, לעבן זייער הויז, זאָל ער אַרייַנקומען«·

א גאַנצע נאַכט האָט ער געשוויגן און געפילט אין שלאָף, אַז דאָרטן אין הויז איז פאַרהאַן זי, וואָס האָט

געבעטן ער זאָל אַרײַנקומען, געפילט, נאָר געדענקט דעם אינזשענערס מאָטאָציקלעט מיטן היטל און ניט גע־ ענטפערט זיך אַליין אויף דער פראַגע:

»וועט ער אַהין אַרײַנגיין, צי ניין?«

און אויפמאָרגן פלוצים אויפגעוואַכט גאַנץ פריה און באַשלאָסן:

»ניין!«

ס'איז געווען גוט, וואָס סימע מיט רחלען זיינען נאָך געשלאָפן, ער האָט קיינעם ניט באַדאַרפט זאָגן די סיבה, פאַרוואָס ער פאָרט אַוועק אינאיינעם מיטן פעטער יודלען צוריק צו די קאלכשטיינער.

---

ביי א וואָך צייט איז ער אָפּגעווען לעבן פעלז, וואו מען שניידט דעם פעטער יודלס היי. געהאָלפן צונויפלייגן דאָס היי אין האָפּנס און אַכטונג געגעבן ביים גראָבן די קאַרטאָפּלעס. עטליכע נעכט גענעכטיגט דאָרטן אונטערן פרייען הימל אויף דער בערע, געוואָרן שטאַרק אָפּגע־ ברענט, שטייף און האַרט פון זון און אַרבעט, געשלאָפן אונטער די האָפּנס און געפילט זייער ריח פון זיך אַליין, א גערוך פון פעלד אום אין הייסן זומער און פון פריש איינגעטריקנט היי.

ס'האָט געריזלט א ריטשקעלע דאָרטן אין עק בערע, א ווייטס אַזאַ און א שמאָלס, געמורמלט אַלע אָוונט מיט וואַסערל־קרישטאל, און די לבנה קוקט אַרײַן דערין פונאיבער פעלז, פונאיבער נאַכט און שטערן, קוקט אַרײַן טיף און נישטערט אַזוי און זוכט. האָט אייזיק אויך אַרײַנגעקוקט אַהין אינאיינעם מיט לבנה, געזעסן אַזוי ביים ריטשקעלע מיט א צאַפּל אין האַרץ, מיט א שמייכעלע א באַגראָבנס טיף אין די ליפּן, א שמייכעלע וועגן ווייטן עק דאָרף און

וועגן הויז דאָרטן מיטן מיידל; און וואָס ס׳וועט זיין מאָרגן איז ניט געווען זיין זאַך, ער האָט ניט געוואָלט קלערן.

נאָר אָט איז שוין דאָס היי שטאַרק טרוקן און איינגעפּרעסט אין די האָפּנס, מען פירט עס אַראָפּ; די קאַרטאָפלעס זיינען שוין אויך אויסגעגראָבן און ליגן אין די זעק, און פונערגעץ א נאָהענט דאָרף האָט מען געבראַכט צו טרייבן א סטאַדע אַהער אויף אָפּגעשניטענער בערע, מעלה־גֶרהט זי גאַנצע הייסע טעג דאָ ביים ריטשקעלע. שמוציג זיינען געוואָרן די ברעגן מיט דער בערע. אייזיקס פיס מיידן אויס אומעטום אומריינע ערטער, און אַלץ דערמאָנט דאָך אַזוי שטאַרק אָן די פינף »שטיקלאַך«, וואָס דאָרטן אינדערהיים, אין הויף, און אַלץ ציהט אַהין און ציהט.

איז אָט:

איינמאָל פאַרנאַכט האָט ער זיך אַהין אומגעקערט און האָט ווידער דערזעהן די פיל צעוואָרפענע שטרויענע דעכער, בעת זיי שטראַלן ביי זונפאַרגאַנג, ווי גינגאָלד, אירע דעכער, איר דאָרף. און אין געדאַנק איז געלעגן דאָס הויז דאָרטן אין ווייטן שטילן עק פון דאָרף. ער האָט גענומען מיט זיך א האַנטאַך און זיך געלאָזט גיין צום טייך, וואָס מיט די געלע זאַמדיגע ברעגן. נאָר אויפן וועג האָט ער דעם האַנטאַך ערגעץ אַהינגעטאָן, אים פאַרלוירן, אַפּנים, און אַליין האָט ער פאַרקערעוועט לינקס, ער איז אַריינגעקומען אין הויז מיט די געלע גאַניקעס און האָט באַלד ביי דער טיר ווידעראַמאָל דערפילט דעם צאַפּל אין האַרץ. דאָס איז געווען דערזעלביגער צאַפּל, וואָס ביינאַכט ביים ריטשקעלע, נאָר א מער שטאַרקער און שנעלער; ער האָט זיך איבערגעחזרט איינמאָל און צווײמאָל, און דאָס שמייכעלע אויף די ליפּן

האָט א רגע א ציטער געטאָן און זיך גענומען אײַנגראָבן אַלץ טיפער און טיפער.

אין ערשטן חדר איז געווען שטיל; ס׳איז דאָרטן קיינער ניט געווען. אין צווייטן חדר האָבן אין די אויגן א בלאָנדזשע געטאָן א פּאָר שוואַרצע אַראָפּגעלאָזענע שטאָרן מיט א פּאָר פּאַסן גאָלדנשיין, וואָס זוימט זיי אַרום. אונטער די פּיס איז געווען ווייך, זיי האָבן געטראָטן אויף א קאָבריץ, אַפּנים, צי אויף א געוואַנט א גרויסן, אַזאַ, וואָס שפּרייט זיך פון וואַנט צו. וואַנט און פון דער רעכטער זײַט, פון דער שווערער קאַנאַפּע, וואָס אין ווינקל, האָט זיך געגעבן א שטעל אויף זי.

ווײַטער איז שוין אַלץ געווען פאַרנעפּלט און ניט קלאָר, א ברוין פּנים מיט א ברוינעם האַלז האָבן א שווינדל געטאָן גאָר נאָהענט פאַר די אויגן. הענט אַנטפּלעקטע ביז די איילנבויגנס האָבן זיך אין שטײַפער געטריישאַפּט פאַרפלאָכטן אַרום זײַן האַלז, און פון וועמען האָט אַזוי שטאַרק געשמעקט מיטן הייסן זומער און מיט פריש צוגעטריקנט היי, פון אירע הייסע ליפּן, צי פון זײַנע?

---

אויפמאָרגן פאַר זונזעצנזיך איז ער ווידער געזעסן מיט איר דאָרטן אין צווייטן חדר און אחוץ זייביידן, איז קיינער ניט געווען. זי האָט אויף אים געוואַרט, געזוכט מיט ליידנשאַפטליכע אויגן עפּעסוואָס בײַ אים אין פּנים און האָט ניט געוואוסט, וואָס מיט אים צו טאָן. אַלע רגע האָט זי אים איבערגעזעצט פון איר רעכטער האַנט צו איר לינקער און פון איר לינקער האַנט צוריק אויפרעכטס.

»דאָ זיץ, אייזיק«.

און דאָס וואָרט »אייזיק« איז ווידער בײַ איר אַרויס

מיט מאָדנע חן· גלײַך ס׳האָט אָקאָרשט איצט מיטאַמאָל באַקומען פאַר איר דעם ריכטיגן זינען׳ ס׳איז איר וואָרט און מער קיינעמס ניט; אַז זי זאָגט עס׳ שמייכלט זי׳ און ס׳צעשפרייט זיך אין איר דאָס האַרץ; זי באַקומט פלוצים א פולע ברוסט מיט האַרץ:

»אייזיק!···«

נאָר פאַר אים איז דאָס ניט געווען קיין נײַס· איינמאָל פאַרנאַכט איז ער דאָרטן לעבן אָפגעשניטענעם היי צו־געקומען ביז צום ווײַטליכן פוסטן וועלדל· ער האָט זיך דאָרטן אָפגעשטעלט און זיך אײַנגעהערט· ס׳איז געווען שטיל· ער האָט געפרובט א געשריי טאָן אין וועלדל אַרײַן ניט גאָר הויך:

»באַסי!···«

און פון אַלע עקן וועלדל האָט די שטילקײַט אָפגעענט־פערט מיט א מאָדנע פאַרטראַכטן ערנסט:

»באַסי!··· באַסי!···«

און געווען איז אָטדער נאָמען אינגאַנצן נײַ· לחלוטין ניט ענליך אויף די נעמען׳ וואָס מענשן האָבן ביז היינטיגן טאָג געהייסן·

פונדעמאָלטאָן האָט אינגאַנצן דאָס דאָרף נאָכאַמאָל באַקומען א נײַעם אויסזעהן· אינמיטן הייסן העלנטאָג נאָכן באָדן זיך׳ האָט מען געקאָנט אַרויפקלעטערן אַרויף באַרג׳ וואָס שיט פונאונטער די פיס מיט ליימיג רויטע ברעקלאַך און מיט גליהענדער זאַמד׳ זיצן אַזוי מיטן נאַסן האַנטאַך אין די הענט און קוקן׳ ווי דאָס דאָרף טונקט זיך אין זון· ס׳איז גרויס און ברייט און אין ווײַטן שטילן עק באַהאַלט עס אויס דאָס הויז מיט די צוויי גאַניקעס און מיט דער הויכער שפיגלקייק אויפן דאַך· דער שפיגל־קייק מינעט זיך און שיינט׳ גלאַנצט און שטראַלט ווי זון׳ און ניט ווײַט פון אים איז דאָרטן פאַרהאַן זי···

ס׳רויכערט דארטן א קוימען׳ א פּאָר טויבן פליהען פאַר־ביי׳ און פאַרנאַכט וועט גיין אַהין ער׳ אייזיק· ער וועט ניט טראַכטן וועגן גאָרניט; ער וועט זיין פאַרנעפּלט פונם צאַפּל אין האַרץ און וועט גיין·

## V

דער אינזשענער מיטן לאַנגן ניט שיינעם געזיכט און מיטן שטאַרק דינעם האַלז האָט ניט אויפגעהערט פאָרן אַהין אין הויז· אַלע בייטאָג פאַרמיטאָג האָט זיין צווייערדערדיגער מאָטאָציקלעט דורכגעשניטן די לענג פון דאָרף און מיט קנאַק און הילכיג שיסעריי געיאָגט אַראָפּ· אַראָפּ צו די צוויי געלע גאַניקעס׳ וואָס זיינען פאַרגאָסן מיט זון·

אַז ער איז פונדאָרטן געקומען צוריק אַהער׳ צום פעטער יודל אין הויז צו דער באַשטימטער שעה עסן׳ איז ער געווען אויפגעלייגט און פריילעך און זיך אָפּט געפּרובט ראַנגלען מיטן קליינעם קאַרדופל דעם כימיקער· הייסט עס׳ אַז צווישן אים און באַסין איז גאָרנישט ניט געשעהן׳ ער איז ווי פריהער געווען איר חתן·

אייזיק האָט אָנגעהייבן צו פאַרשווינדן אויף די פּאָר שעה׳ ווען דער אינזשענער האָט זיך געפונען דאָ ביים פעטער יודל אין הויז ביים מיטאָג· ער האָט איינאַליין אַרומגעבלאָנקעט אין גאָרטן אין די ווייטסטע שטילע ווינקלען׳ געזעסן דאָרטן אויף א נידעריגן שטיין׳ גע־גריבלט מיט א שפּענדל אין זאַמד און ניט געוואָלט טראַכטן וועגן אינזשענער׳ ניט געוואָלט טראַכטן וועגן זיך׳ אייזיקן׳ וועגן דעם׳ וואָס איצט אינם דאָזיגן מאָמענט׳ בעת ער זיצט אַזוי און גריבלט מיטן שפּענדל אין זאַמד׳ איז ער יינגלש און נאַריש׳ און זיינע חברים

דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, וואָלטן איצט פון אים געלאַכט. אין אַזאַ מין צושטאַנד האָט ער זיך געקאָנט געפינען א שעה און צוויי, א גאַנצן בײַטאָג. און נאָכ־דעם איז שוין געווען פאַרנאַכט. ער איז געזעסן איינ־אַליין צווישן די אָפּגעגילטע שפּיצן, וואָס אין אָנהייב יונגן וועלדל אַרויס דאָרף און האָט אויף איר געוואַרט. בײַ אים האָט דאָס האַרץ געצויגן, נאָר זי איז אַהין גע־קומען זעלטן, דעמאָלט האָט ער זיך ליידיגגייעריש און פויל אומגעקערט אַהיים, ליידיגגייעריש און פויל אַרײַנ־געקומען אין שטוב, און געדאַכט האָט זיך אים, אַז אַלע וויסן, וואָס מיט אים האָט געטראָפן, בײַ אַלעמען אין די אויגן איז ער געוואָרן וואָלוול...

דערצו איז נאָך גראד צו יענער צײַט איינמאָל בײַנאַכט שטיל און אומגעריכט אַראָפּגעקומען רחלס מאַן, מוראַנאָוו דער אַרטיסט. אַראָפּגעקומען איז ער, ווי געוואוינליך, מיט די פיל ברילִיאַנטענע פינגערלאַך אויף די הענט, מיט די בריליאַנטנפינגערלאַך, וואָס ער האַלט תמיד אויס צוליב א שלעכטן טאָג, צוליב א צײַט, ווען מען וועט זיי מוזן פאַרזעצן.

ער איז, ווי געוואוינליך נאָך א שלעכטן סעזאָן, אָפּ־געשלאָפן צעכראַסטעט אַקעגן א פּאָר מעת־לעת בײַ רחלען אינם געמיטליכן ציכטיג צוגעפּוצטן צימער, און רחל איז אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען אין די שטעקשיך, מיט א בלאַסן און רוהיגן געזיכט און א צופרידנקײַט אין קול און אין יעדער תנועה, וואָס זי מאַכט אין שטוב צוליב בעלהבתישקײַט. דער פעטער יודל איז, ווי תמיד, געווען בײַ די קאַלכשטיינער, און אין הויז האָט גאַנצע טעג געהערשט א מאָדנע שטילקײַט פון אויס חתונה און געהערט האָט זיך שטענדיג, ווי אין סימעס חדר קלאַפּט אָהן אויפהער דער שטייענדיגער וועקזייגער.

מוראַנאָוון האָט מען נאָכדעם אַוועקגעשטעלט א קליין פאַרשפּרייט טישל אויף דער וועראַנדע ניט ווײַט פונם גרויסן טיש, וואו מען עסט. מען האָט געקאָכט פון זײַנטוועגן באַזונדער שוואַרצע קאַווע, געבאַקן פון זײַנט־וועגן באַזונדער די אַלע געבעקסן, וואָס ער האָט ליב. און געזעסן איז ער גאַנצע שעהן, צעכראַסטעט בײַ אָט־דעם טישל, און געטרונקען די קאַווע פּאַמעליך, פאַר־טראַכט, ווי מיט חשבון, גערויכערט גראָבע ציגאַרן, גע־הוסט הילכיג, ווי א בעל־הבית, און גערוהט.

ער האָט געהאַט א קורצע נאָז, א פאַרשאַרפּטע און פאַרשפּיצטע צום עק, און אַליין איז ער געווען א וואוק־סיגער, פליישיגער, א פוילער, געקוקט באַוויליגנדיג מיט די שטאַרק אָפּענע בוימלדיגע אויגן און ליב געהאַט צו פאַרדרייען א שטיקעלע וואַטע אַרום א שוועבעלע און לאַנג דרעליוועון מיט דעם אין איינעם פון זײַנע אומ־געוואוינליך קליינע אויערן. פון גרויס גלײַכגילטיגקײַט צום גאַנצן קליינעם לעבן, וואָס אַרום אים, האָט ער שוין אפילו ניט געגאָלט די שוואַרצע שיטערע סטערניס, וואָס שפּראָצן אים אומעטום פון די באַקן און פון דער אויבער־שטער ליפּ אונטער דער קורצער פאַרשפּיצטער נאָז.

נאָר איינמאָל בײַטאָג איז אַהער צום פעטער יודל אין הויז פּלוצים געקומען צו לויפן באַסי. געקומען איז זי מאָדנע פריילִיך, אין א העלגרינעם זײַדענעם קלייד, וואָס האָט זי געמאַכט ברייט אין די זײַטן, נידעריגער פון דער טאַליע, און יונג, יונג ווי פון א יאָר אַכטצן. זי האָט זיך געאײַלט. זי איז געשווינט דורך דורך די וועראַנדע אַזוי, אַז מ׳האָט זי אַפילו ניט באַוויזן צו באַקאָנען מיט מוראַ־נאָוון, וואָס זיצט דאָרטן בײַם טישל, און איז גלײַך אַוועק אין גאָרטן אַרײַן, וואו זי האָט באַדאַרפט געפינען אייזיקן.

מוראַנאָוו האָט זי באַגלייט מיט די צעעפּנטע בוימלדיגע אויגן, וואָס באַווילינגן. ער האָט ניט אויפגעהערט צו קוקן, ווי איר העלגרין קלייד שווינדלט אין גאָרטן צווישן די בוימער. ער האָט מיטאַמאָל ווי פאַרלוירן די רוהיג־קייַט און האָט אויפגעהערט צו זיצן בייַם טישל. און נאָכ־דעם האָט זיך א גאַנצן טאָג געהערט, ווי ער בלאָנקעט אַרום אין גאָרטן און אונטער דער שטוב, און פון אומע־טום, וואו ער האָט זיך געפונען, האָט זיך אַהער אויף דער וועראַנדע געהערט, ווי ער פּרובט מיט גדלות זייַן געדיכטע אַרטיסטנשטימע.

»מיאָ, מיאָ—טני—וי—וי!«

אין יענעם פאַרנאַכט האָט זיך מוראַנאָוו דער אַרטיסט אַרומגעגאָלט, אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן א פּאָר גרינע הויזן מיט א שוואַרץ רעקל, א געשפּילעטס אינדערהייך ביזן פּנים, און האָט פאָרגעלייגט אייזיקן מאַכן א שפּאַציר איבערן דאָרף... אייזיק האָט אויף אים א קוק געטאָן, ער האָט געטראָגן א האַרטן הוט אויפן קאָפּ, געהאַלטן א קליין יאמשאווע שטעקעלע אין האַנט; ער האָט אויס־געזעהן ווי אַן אַנטרעפּרעניאָר פון א קליינשטעטלדיגן צירק. נאָר אָפּזאָגן אים האָט מען דאָך ניט געקאָנט, מען האָט געמוזט באַגראָבן טיף, טיף דאָס שמייכעלע, וואָס צווישן די ליפּן און אונטער די ברעמען לעבן די אויגן, און אַרומשפּאַצירן מיט אים איבערן דאָרף.

## VI

די באַהאַלטענע אומצופרידנקייַט, וואָס אויף דער ראַפּאַנאַדפאַבריק, האָט זיך געשטאַרקט, זי האָט זיך פאַרקליבן אַלץ טיפער און טיפער אינם טומל, אינם רויך און אינם דאַמף, זי האָט לאַנג געשלונגען איר

עקשנותדיגן סוד׳ נאָר דער צווייטער מעכאַניק אין די בלויע ברילן האָט די גאַנצע צײַט געאַרבעט אינדערשטיל׳ און דער סוד איז סוף־כל־סוף אַרויסגעשוואומען און האָט זיך אַנטפּלעקט. דאָס איז געשעהן אין א הייסן זוניגן פריהמאָרגן׳ וואָס נאָך איינעם א חגא־טאָג׳ א זונטאָג.

די בני־בית׳ וואָס בײַם פּעטער יודלען אין הויז׳ זיינען דעמאָלט אַלע פון גאַנץ פריה געשטאַנען אינדרויסן אויף דער זון; מען האָט איינציגוויין געקלעטערט אויפן לייטער און אויפן דאַך׳ מען האָט זיך פאַרשטעלט מיט א פלאַכער האַנט פון זון און מען האָט זיך איינגעקוקט אין די שפּיצן פון דער פאַבריקס דרײַ ריזנקוימענס׳ וואָס שטעקן אַרויס אויסערן דאָרף פון הינטערן באַרג. די קוימענס האָבן דאָרטן מער מיט שוואַרצן רויך ניט געשפּיגן׳ זיי זיינען געווען טויט.

שטייענדיג אַזוי אויפן דאַך און איינקוקנדיג זיך׳ האָט מען פּלוצים דערהערט׳ ווי דעם אינזשענערס צווייר־עדער־דיגער מאָטאָציקלעט שנײַדט דורך מיט רעש די שלעפעריגע שטילקײַט פון דאָרף און יאָגט אַוועק לינקס׳ צום הויז מיט די געלע גאַניקעס אַפּנים. נאָר אין א פּאָר שעה אַרום׳ ווען מ׳איז אַהין צוגעגאַנגען׳ האָט מען דאָס הויז שוין געטראָפן א פּוסטס׳ א געשלאָסנס׳ אַלע זײַנע וואוינער זיינען ערגעץ אַוועק. און אויך פון דער פאַבריק איז דורך א קליין שיקסעלע אָנגעקומען אַהער צום פּעטער יודלען אין הויז א צעטעלע׳ וואו דער כימיקער האָט גע־שריבן׳ אַז אַלע זייעריגע פאָרן אַוועק; אויף עטליכע טעג פאָרן זיי פון פאַבריק אַוועק. ער האָט פריילין געלאָזט אַלעמען פרײַנטליך גריסן.

דעמאָלט האָט דאָס גאַנצע דאָרף בײַ דער געוואוינליכער שיין פון זון אָנגעהייבן אויסצוזעהן אַזוי מאָדנע׳ גלײַך צו אָוונטצײַט מוז אין דעם עפּעס אומגעוואוינטליכעס גע־

שעהן, לקוי חמה, אשטייגער, צי עפּעס אַנדערש, און איבער די לאַנגע און שטילע גאַסן האָבן, ווי אין א גרויסן חגאטאָג, א יום־טוב, פאָרלאַכווייז און איינציגווייז אָנ־געהייבן אַרומשליאַיען זיך די פיל אַרבעטער פון פאַבריק. זיי זיינען אַלע געווען אָנגעטאָן זונטאָגדיג; זיי האָבן גע־ריסן אין די פויערשע סעדער די פרוכטן און זיך געוויצלט מיט די שיקסעס, וואָס ווילן דאָס ניט ליידן. זיי זיינען מחנהסווייז געשטאַנען אינמיטן דאָרף אויפן פּלאַץ, וואָס צווישן די איינציגע צוויי תמיד געפּאַקטע דאָרפסקלייטלאַך, געקאָנט יעדערן און געחוזקט פון זיך, פון זייערע ווייבער און פון דער פּאַרטיע פורן, וואָס האָבן געבראַכט אין פאַבריק האָלץ און ניט געהאַט ביי וועמען צו מאָנען שכר־עגלה.

אויפמאָרגן איז פאָרגעקומען פונקט דאָסזעלבע. די אַרבעטער האָבן זיך ווידער געשליאַיעט אויף די שמאָלע גאַסן, דאָס דאָרף האָט אויסגעזעהן, ווי אום יום־טוב, און דאָס אומגעוואוינטליכע איז נאָך אַלץ ניט געשעהן.

אייזיק האָט זיך אין יענע טעג געפילט מאָדנע; גלייך אַלע עלטערע, וואָס האָבן אויף אים א דעה, זיינען פון דאָרף אַוועקגעפאָרן, און ער, דער יינגסטער, איז דאָ איצט געבליבן איינעראַליין. היינט איז ער א פרייער; ער קאָן טאָן, וואָס ער וויל. ער האָט גענומען דעם האַנטאַך און איז אַוועקגעגאַנגען צום טייך, וואָס מיט די געלע זאַמדיגע ברעגן. נאָר אויפן אָרט פון צו באָדן זיך האָט ער אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג, וואָס שיט פונאונטער די פיס מיט שטיינערברעקלאַך און מיט הייסער זאַמד. ער איז דאָרטן א היפשע צייט געזעסן און האָט געקוקט אויף די צוויי שפּיגלקייקן, וואָס שטראַלן ווייט־ווייט אויף די געלע גאַניקעס, מינען זיך און גלאַנצן און קיינער חוץ אים, אייזיקן, ווייסט ניט, אַז אָטדער גלאַנק באַטייט:

»באַסי! · · ·«

וואו איז זי איצט געווען? זי איז אַוועק אינאיינעם מיטן פּאָטער, מיט דער מוטער, מיטן אינזשענער, מיטן כימיקער און מיט דער קליינער לינען; זי האָט ניט געפילט, אַז דווקא ווען זיי אַלע זיינען נישטאָ, איז כדאי געווען צו בלייַבן דאָ· און אָט, למשל, ווען ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז ווירקליך געבליבן דאָ, ווען ער קומט איצט אַשטייגער צו אַהין, קלינגט אָן בייַם רעכטן געלן גאַניק, און זי עפנט אים די טיר · · ·

אין עטליכע טעג אַרום זיינען אַהער פון דער גרויסער און וויַיטער שטאָט אַראָפּגעקומען צוויי פון דער פאַר־וואַלטונג און מיט זיי אינאיינעם דער פאַבריקאינספעקטאָר, דער סטאַנאָוואָי, און נאָך איינע, א געעלטערטע און וויכ־טיגע פערזאָן, וואָס האָט געזאָגט אַלעמען »דו« און האָט זיך געפירט שטרענג ווי א גענעראַל·

די אַרבעטער האָט מען צונויפגערופן אויף דער פאַבריק און פאַר זיי געהאַלטן רעדעס· מען האָט זיי צוגעזאָגט, מען האָט אויף זיי געשריגן און זיי פאָרגעלייגט זיך שטעלן צו דער אַרבעט· די אַרבעטער זיינען געקומען שוויַיגנדיג, אויסגעהערט שוויַיגנדיג און שוויַיגנדיג זיך פונאַנדערגעגאַנגען· די פאַבריק איז אַזוי אָפּגעשטאַנען בייַ צעהן טאָג פוסט· נאָר סוף־כל־סוף האָט זיך דאָס אַלץ געענדיגט מיט גאָרנישט· אין איינעם א פריהמאָרגן איז מען בייַם פעטער יודלען ווידעראַמאָל געקראָכן אויפן דאַך א קוק טאָן, ווי די שפּיצן פון די פאַבריקקוימענס לאָזן שוין ווידעראַמאָל שוואַרצע וואָלקנס; א פּאָר דאָרפ־שקצים האָט מען אַרעסטירט דערפאַר, וואָס זיי האָבן גע־סטראַשעט אונטערצינדן, און דעם צווייטן מעכאַניק אין די בלויע ברילן האָט מען אָפּגעזאָגט פון זייַן שטעלע· ער האָט זיך אַרומגעדרייט, ווי א פוסטאונפאַסניק איבערן

דאָרף, אָטדער יונגער באַלעזענער גוי מיט די קליינע, שלעכט וואַקסנדיגע וואָנצעלאַך און ברייטן בעל־מלאכהשן פנים, וואָס זעהט אויס אומעטיג, ווי דאָס פנים פון א כינעזער. ער האָט געהאַלטן אין איין פאַרטראַכט קוקן דורך די בלויע ברילן ערגעצוואוהין צום באַרג, וואָס אַרויס דאָרף. ער האָט [געקוקט אומעטיגערהייט אויפ־רעכטס און אויפלינקס, און געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס האַלט ער אין איין פאָרשן דעם ווייַטליכן האָריזאָנט, אין איין זוכן אַן אָרט, וואוהין ער וואָלט געקאָנט אַהינטאָן זייַן געביין.

## VII

געקומען זיינען צוריק אַלע פון פאַבריק, אחוץ אינזשענער און אחוץ אַלע, וואָס וואוינען אינם נייַעם הויז מיט די געלע געשניצטע גאַניקעס. דער דאָקטער מיטן קאַרדופל דעם כימיקער האָבן דאָ, ווי פריהער אַלע טאָג פרייליך געגעסן מיטאָג. מען האָט דאָ, ווי פריהער, מיט פאַרגעניגן אָפגערוהט פון גרויסן קעסל־טומל, וואָס דאָרטן אין פאַבריק איז. גלייַכגילטיג גע־שמועסט וועגן דעם, וואָס די אַרבעטער אין היגן קאַנט זיינען געוועזענע פויערים.

»אָהן קעפּ«.

»סקאָט«.

מען האָט זיך דאָ נאָך איינעם א מיטאָג אַלע אינאיינעם צוזאַמען מיט סימען און מיט רחלען געבראַכן די קעפּ און צוגעקלערט דעם נוסח פון די טעלעגראַמעס, וואָס מען וועט באַלד אַוועקשיקן דעם אינזשענער און באַסין צום טאָג פון זייער חופה, ערגעץ דאָרטן אין דער גרויסער שטאָט. און נאָכדעם זיינען שוין אַהער טעלעגראַמעס

אָפּט אָנגעקומען פון זיי בײדע, פון באַסין און פונם אינזשענער, טעלעגראַמעס פון דער לוסטרײַזע, וואָס זיי מאַכן ערגעץ דורך וואַרשע, דורך ווין און דורך בערלין. מען האָט זיי געלייענט דאָ בײַם מיטאָג אָטדי טעלע־גראַמעס זייערע; מען האָט קריטיקירט זייער מאַרשרוט און מען האָט זיך תּמיד אינטערעסירט צו טרעפן:

»וואו געפינען זיי זיך, צום בײַשפּיל, איצט?«

אייזיק האָט ניט געוואָלט הערן דעם ענטפער און האָט זיך אומבאַמערקט אַרויסגעשאַרט אינדרויסן, אין הויף אַרײַן און אין גאָרטן. ער האָט דאָרטן אַרומגעשפּאַנט איינאַליין אינם ווײַסן סטודענטישן העמדל; ער האָט גע־טראַטן אויף געלע בלעטער און אויף די שטיקלאַך צווײַגן, וואָס ברעכן זיך אונטער די פיס. און ניט ווײַט אויף דער וועראַנדע איז איינאַליין געזעסן צעכראַסטעט בײַ זײַן טישל מוראַנאָוו דער אַרטיסט, גערויכערט ציגאַרן, געלייגט פּאַסיאַנען און אַלעמאָל געפּרובט מיט כּוח זײַן פעסטע און געדיכטע אַרטיסטישע שטימע:

»מיאָ, מיאָ טנו ו־ו«.

גלײַך זי, באַסי, איז נאָך דאָ און וועט דערהערן, אָט וועט א שווינדל טאָן איר העלגרין זיידן קלייד צווישן די שטאַמען פון די בוימער, א שווינדל טאָן און פאַר־שווינדן.

נאָר אָט איז געקומען דער סוף פון אלול. אַהין אין הויז מיט די געלע גאַניקעס האָבן זיך אומגעקערט פאָטער און מוטער, געדאַכט האָט זיך אָבער עפּעס, אַז זיי שלאָפן דאָרטן אָפּ גאַנצע טעג, זיי שלאָפן זיך אויס פון נאָך דער חתונה. און דאָ בײַם פעטער יודלען אין שטוב האָט מען אָנגעהייבן ריידן וועגן א מנין אויף ימים נוראים, מען האָט געציילט די מענשן:

»מוראַנאָוו, איז נײַן«.

»אייזיק, איז צעהן«.

אייזיק האָט ניט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, כאָטש דער מנין האָט באַדאַרפט פאָרקומען דאָרטן אינם הויז מיט די געלע גאַניקעס, ער האָט זיך געפוילט זאָגן, אַז ער פאָרט מאָרגן אַוועק.

אין יענעם טאָג האָט ער צום לעצטן מאָל אַרויפגעקלעטערט אויפן באַרג, וואָס שיט מיט הייסע פריסיקשטיינדלאַך און מיט זאַמד, און איז דאָרטן לאַנג געזעסן אונטער גליהענדיגער זון מיטן פנים צום ווייַטן און שטילן עק פון דאָרף. צוויי גרויסע שפיגלקייקן האָבן אַרויסגעקוקט פון צווישן גרינע בוימערשפּיצן און פון צווישן דעכער געמינעט און געגלאַנצט; א פּאָר טויבן זייַנען געפלויגן פאַרבייַ; א רויכל, א קוים אָנגעזעהענס האָט זיך דאָרטן רוהיג געציקעט פון איינעם א קוימען, און זומערטאָג האָט געשייַנט, זון האָט זיך געגאָסן אין די גלעזערנע קייקן אַרייַן, זיך געגאָסן, געשייַנט און ווידער געגאָסן, און אויפן האַרצן איז דאָך געווען גרינג.

מאָרגן וועט ער, אייזיק, שוין דאָ ניט זייַן. פאַרטאָג וועט זיך מיט אים אויפן נאָהענטן וואָקזאַל צעקושן דער שמייכלענדיגער פעטער יודל און וועט אויף אים צום לעצטן מאָל א בלאָז טאָן מיטן ריח פון פּאַלמירעזייף, מיט »גאָט צו דאַנקן« און »מיט וואויל, זעהר וואויל«. א וואָכנדיגן וועט אים דער צוג אַוועקטראָגן צוריק אין דער גרויסער שטאָט, צוריק צו זייַנע חברים, וואָס זייַנען אַזעלכע שטייפע, שווייַגנדיגע און פרא־אדמדיגע, ווי ער, שרייַבן קיינמאָל קיינעם קיין בריוו ניט און זאָגן קיינמאָל ניט איינער דעם צווייטן, אַז זיי האָבן זיך ליב. נאָר אַמאָל וועט דאָך דאָרטן אַרויפשווימען דער איצטיגער צאַפּל אין האַרץ, און פאַרגראָבן וועט זיך טיפער דאָס ציטעריגע שמייכעלע אין די ליפּן, עס וועט זיך געדענקען

א טאָג א זומערדיגער׳ א באַרג׳ וואָס שיט מיט פּריסיק־שטיינדלאַך און מיט זאַמד׳ א פּאָר שפּיגלקייקן׳ וואָס שטראַלן איבערן דאָרף מיט זילבערשייַן און מיט זון׳ און א מיידל אין א העלגרינעם זיידענעם קלייד וועט אויף א רגע א שווינדל טאָן צווישן שטאַמען פון בוימער׳ א שווינדל טאָן און פאַרשווינדן.

# די משומדת

ס'טראָגן זיך קלאַנגען, אַז אַהער אין געגנט האָט זיך אומגעקערט משה־לייב יאנאשאווס טאָכטער די משומדת מיטן מאַן אירן דעם מיראָוואָי. פון נאָך פסח אָן טראָגן זיך אָטדי קלאַנגען.

אַן אָרעמער ייד גייט צופוס פון איין דאָרף אין צווייטן. ער איז פאַרטראַכט, ווי זײַן נאָכפסחדיגער קבצנישער טאָג:

»ער ווייס ניט, צי מיט זײַן צופוסגיין וועט ער עפּעס פאַרדינען«.

און אויפן וועג, וואָס באַאַרבעטע פעלדער באַהאַלטן אים אין זייערע גרינע טיפן, רוקט זיך אים אַקעגן א פור מעבל, הויך ווי א שטוב. טישן און בענקלאַך סטאַרטשען מיט זייערע פיס צום נייזומערדיגן הויך בלויען הימל און שאָקלען זיך אזוי פּאַמעליך, גלײַך זיי וואָלטן דערציילן:

»פונוווייט פירט מען זיי, און אַהין צום מיראָוואָי...

אַלץ צום מיראָוואָי«.

און אָט זיינען שוין דאָ זיי אַליין, די משומדת מיטן מאַן אירן, דעם מיראָוואָי.

שוין אפשר מער ווי צוויי וואָכן, זינט זיי האָבן זיך באַזעצט אינם קליינעם פּריצישן הויף, וואָס אין נאָהענטן קאַזיאָנעם דאָרף. זיי האָבן לעבן קיכטיר אָפּגעלאָזט פיל גלחישע אינדיקעס, אסך הינער מיט גענז, קערן זיך מיט קיינעם ניט אָן און רופן אַרויס צו זיך דרך־ארץ.

איצט בליהען שוין ארום זיי די צעוואַקסענע סעדער פון דאָרף׳ בוימער׳ ווי ווייסע כּלות׳ שטייען דאָרטן פאַרטראַכט׳ סתם אומעטיג׳ די לופט פאַרמאָגט ניט א גאַנצן טאָג קיין מינדסט ווינטל׳ וואָס זאָל א ריר טאָן מיט זייערע צווייגן׳ און א יידישער סוחר פאָרט נאָהענט צו בין־השמשות דאָס דאָרף אויף זײַן אייגענער בריטשקע אַדורך׳ זײַן פורמאַן זיצט צו אים מיט די פלייצעס און טרייבט אָן׳ ער אַליין דרייט דעם קאָפּ צום מיראָוואָיס פאַרפוצטן הויף און זעהט די משומדת מיט איר לענגליך שיינעם׳ עטוואָס אויסגעמאַטערטן פנים׳ וואָס זעהט אויס פאַרעקשנט און מאָנט נאָך עפּעס אַלץ בײַ דער גאַנצער געגנט׳ אין לײַכטווייסע זומערדיגע בגדים שטייט זי דאָרטן צווישן רומל עופות׳ זי פרעגט עפּעס בײַם פורמאַן׳ וואָס קומט אָן רייטנדיג אויף א פערד׳ זי שפּאַנט אַוועק צום ווייט אָפּגעצוימטן האַלבן הויף׳ וואָס איז פול מיט בריקעדיג קעלבל׳ מיט בעריעשן קיכנעגעשריי און מיט גערוך פון מעלקעדיגער קוה׳ און אַרום איז שטיל׳ פון ווייטן עק דאָרף קומען די געציילטע קלאַנגען פונם קלויסטערגלאָק׳ דעם באַס׳ זיי טרייבן דעם יידן׳ זיי רופן א פאַרשפּעטיגטע גויישע פור׳ וואָס ערגעץ אין א ווייטליכן גרינעם טאָל׳ און דערציילן אָהן אויפהער:

»ער פאַרגייט׳ ער פאַרגייט׳ דער פרעמדער שטילער גויישער יום־טוב׳«

---

דער יונגער מיראָוואָי׳ זאָגט מען׳ איז צו אַלעמען אַזוי ווייך און גוט׳

ער מאַכט תמיד פשרות צווישן צעקריגטע גויים און זאָגט לייטישן מוסר פאַר שיכּרות׳ נאָהענט צו זונזעצן׳ אַז ער שפּאַצירט איבערן דאָרף׳ טיילט ער קאָנפעקטן און לאַכט׳ וואָס שקצימלאַך אין ברודיגע העמדלאַך זיצן מיט

די נאַקעטע געזעסלאַך אויפן מיטן וועג און מעסטן מיט די פויסטלאַך דעם שטויב:

»סוסליקי!« שרײַט ער צו זיי.

די שקצימלאַך פאַרשטעלן מיט די אַרבל די שעמעוודיגע געזיכטן. דאָך לויפן זיי אים נאָך ביזן ווייטן ברעג טייך. זיי בלייבן דאָרטן שטיין און קוקן, ווי, אנטלויפנדיג פון זיי, זעצט ער זיך אַרײַן אין זײַן נײַ, ווייס אויסגעפאַרבטן שיפל און לאָזט זיך בעריעש אָוועק צום טײַכס פאַר־וואַקסענעם האַלז:

»סוסליקי!«

פונאונטער זײַנע רודערס רינען פייערדיג גאָלדיגע פע־דים. ס׳ווערן צעפיצלט פיל פאַרגייענדיגע זונען און זינקען שטיקערווייז אין טיפקייט פון טײַך. אַזוי דער־גרייכט ער ביז די גויים, וואָס טעסען קלעצער צוליב דעם אַלטן צעוואָרפענעם בריק. דאָרטן שמעקט מיט פרישע דעמבענע שפענער, מיט נאַס געווירצל און מיט שטילן זומערדיגן פאַרנאַכט. א פראָש וועט באַלד אַרויס־שטעקן זײַן קעפל און וועט נעמען קוואַקען אַקעגן דער בלאַסער לבנה; א בושל וועט שטיין אויף איין פיסל און וועט אויסקלאַפן א ביינערדיגע מעשה דעם קומענדיגן פאַרנאַכט; און ער וועט נאָך לאַנג לעבן די גויים זיצן און וועט שמועסן מכוח דער נאָהענטער פאַרוואַקסענער ליוואַדאַ. נאָך זײַן מיינונג, וועט מען סוף־כל־סוף אָפּ־ציהען אַהין די פליסנדיגע טײַכוואַסער און מאַכן די שלויזן שטאַרקער און טיפער.

---

די משומדת מיטן ערנסטן לענגליכן פנים איז נאָכמער ווי מיידלווײַז ווייט אָפּגעשיידט פון מענשן און פאָרט קיינמאָל נישט אַרויס פון דאָרף.

זי האָט ליב דעם מאַן אירן׳ מעגליך׳ אַז צוליב אים טוט זי זיך אָפּט אָן אין אָטדעם ווייסן געשטיקטן קלייד׳ וואָס לאָזט פריַי איר פולן׳ קלאָרן האַלז און מאַכט זי ברייטער אין טאַליע און אין ברוסט׳ פאַרנאַכט׳ אַז ער גייט אַוועק אין דאָרף׳ שפּאַנט זי איינעאַליין אינדרויסן לעבן פּאַרקאַן פון איר הויז און האָט די גאַנצע צײַט אַזאַ געדולדיג אויסזעהן׳ גלײַך זי קלערט אָהנאַנאויפהער וועגן דעם׳ וואָס ער האָט דאָס רעכט אויפלאַנג אַוועקצוגיין...

זי קאָן אים דערויף גאָרניט זאָגן...

זי האָט אַן אומעטיג׳ פאַרטראַכט קול׳ שטענדיג׳ אַז זי רעדט׳ ווייסט מען ניט׳ וואָס איז מער אומעטיג: אירע שוואַרצע אויגן׳ דאָס לענגליכע פנים׳ צי דאָס קול׳ און מיט אָטדעם קול קלאָגט זי זיך אויפן מאַן אירן כמעט ביַי יעדן מיטאָג:

»קאָליאַ׳ טי ניטשעוואָ ניע יעש!«

יידן האָבן עס איינמאָל אונטערגעהערט׳ בשעת זיי זיינען אַרויסגערופן געוואָרן פאַר עדות פון א גויישן געשלעג׳ און האָבן בײַם מיראָוואָי אין קאָרידאָר מיטאָג־צייט איבערגעוואַרט׳ מיט עפּעס מאַמעדיגס און געטריַי־שיצנדיגס האָט געווירקט דאָס קול. די יידן האָבן זיך דערפילט אַזוי מאָדנע׳ גלײַך זיי וואָלטן אָקאָרשט פונסניַי באַמערקן׳ אַז זיי זיצן שוין א לאַנגע צײַט אָהן היטלען׳ זיי האָבן זיך שמייכלדיג אַדורכגעוואונקען:

»אַפּנים׳ זי האָט אים טאַקע פשוט ליב׳ דעם גוי׳ א?«

און פון די אינווייניגסטע חדרים איז נאָך צו זיי אַלעמאָל אַרויסגעלאָפן עפּעס א קליין מאָדנע ציכטיג נפשל׳ א זכרל פון א יאָר פיר׳ מיט אויגן נאָך גרעסערע און שוואַרצערע׳ ווי ביַי דער מוטער׳ מיט א קליין קײַענדיג פּיסקעלע און מיט א חן־גריבעלע אין לינקן

בעקל. אלעווײַלע איז עס געבליבן שטיין אין טיר און געקוקט אויף די יידן אַזוי נײַגעריג, פאַרחידושט, גלײַך זיי, גאַנץ קהל, אַלע יידן פוננאָהענט און פונווײַט, קערן דעם אָן מחותנים פון כלהס צד. איינער פון די שמייכל־דיגע יידן האָט עס שוין אפילו גענומען נאַרן צו זיך מיט א פינגער, געיואונקען צו דעם מיטן פאַרקנייטשטן שטערן, מיט דער נאָז און מיטן גאַנצן שמייכלדיגן פנים און דערבײַ אונטערגעשעפּטשעט צו זיך אַליין אויף יידיש:

»קום אַהער, ממזרל... אַהער, אַהער...«

נאָר דאָס קליינע נפשל האָט זיך דערשראָקן דווקא פאַר אָטדעם ווינקען. פון די אינווייניגסטע חדרים האָט עס דערהערט דער מוטערס קול, און אַוועק איז עס אַהין מיט א קלאַפּנדיג הערצל, טופּענדיג מוראדיג שטאַרק מיט די פיסלאַך און יאָגנדיג געשווינט, ווי פון שרעק.

# אָהן א נאָמען

מיין חבר, א שרײַבער, דערציילט מיר:

מיר איז אָפּט אומעטיג; מיך ציהט פון איין אָרט אויפן צווייטן, איך פאָר אַרום. איך האָב אַסך פרײַנט, נאָר איך ווייס ניט, וואו זיי געפינען זיך. וועגן דעם לעבן פון אייניגע פון זיי ווייס איך ניט מער ווי איינעם אָדער צוויי פאַקטן. איך האָב א כלה, נאָר איך ווייס ניט, וויאַזוי מען רופט זי. דאָס איז ניט קיין פּיזמון, דאָס איז א פאַקט, אָט שטעלט אײַך פאָר:

איר לעבט איבער א שלעכט שטיקל צײַט. איר געפינט זיך אין א פרעמדער גרויסער שטאָט, וואוהין איר זיינט געקומען אויפזוכן אײַערן א נאָהענטן חבר. איר זיינט ספּעציעל צוליבדעם געפאָרן א קאַרגן מעת־לעת, נאָר אַז איר קומט צו צו אייער חברס וואוינונג, טרעפט איר זי געשלאָסן. דער סטרוזש, צו וועמען איר קלינגט לאַנג, גייט סוף־כּל־סוף צו אײַך אַרויס מיט א פולן, קײַענדיגן מויל און ענטפערט אײַך אויפגיך צווישן איין קײַ און צווייטן:

»די בעלי־בתּים — אויף א זומערוואוינונג«.

»און דער קוואַרטיראַנט?«

»אַרויסגעפאָרן«.

»וואוהין?«

»ווער ווייס אים?«

און אויסדרייענדיג זיך צו אײַך מיט די פּלייצעס שלינגט ער אַראָפּ, שרייט אָן אויף א פרעמדן אומריינעם הונט, וואָס האָט זיך זאַנאַדעט אין הויף, שנייצט זיך גוט אויס, ווישט אָפּ די הענט אָן די פּלודערן און בלײַבט ניט, פאַרשווינדט אינם שוואַרצן לאָך פונם פרעמדן אַרײַנפאָר. און דאָס אַלץ קומט פאָר אין שפּעטן זומער, פאַרנאַכט, בײַם ערשטן יונגן פײַער פון דער נאָרוואָס אָנגעצונדענער גאַסנעלעקטריע. איר שטייט אַזוי א ווײַלע מיטן פּנים צו דער קלייטנגאַס, איר שטייט גלאַטאַזוי, וואוהין וועט איר איילן? אז סײַוויסײַ האָט איר מער קיינעם ניט אין אָטדער גרויסער ווימלדיגער שטאָט. דערצו איז נאָך דער פאַרנאַכט אַליין עפּעס א קילער, כמעט אַן אלולדיגער, ס׳גייען אַסך פרעמדע, ס׳ציהט צו יעדן געמיטליכן פײַערל. יעדער באַלויכטן פענסטער קוקט צו אײַך מיט אַזאַ פרעמדער רוהיגקייט, גלײַך ס׳וואָלט אײַך וועלן זאָגן:

»נאַר איינער, כ׳האָב דען חלילה בײַ דיר עפּעס אָפּ־גענומען? כ׳האָב מיר מיין אייגנס«.

איר גייט אין א צווייטער גאַס, אין א דריטער, א מער טונקעלער און שטילערער, און אומעטום דיזעלביגע פרעמדע.

אויפן ראָג טוט זיך פאַר אײַך א טראָג דורך א צווייענדיגער צונויפגעטשעפּעטער טראַמוויוואַגאָן; ער פאַרקערעוועט געשווינט מיט א גיכן צעשראָקענעם גלאָקנקלאַנג, מיט א גרילצנדיגן קוויטש פון די הינטערשטע, מיט געוואַלד נאָכגעשלעפּטע רעדער. איר זעהט, אַז דער הינטערשטער אָפענער דאַטשעוואַגאָן איז העל באַלויכטן. ער איז געפּאַקט מיט זומערדיגע אויסגעפּוצטע פרעמדע. אַסך פרויען זיצן דאָרטן אין ווייסן מיט פאַרשיידנפאַרביגע הוטן. עמיצער פון זיי האָט, דאַכט זיך, געהאַלטן א פּאַק בלומען

אין די הענט· א פרעמד הונדערטמענשנדיג לעבן, א העלבאַלויכטנס, האָט זיך נאָרוואָס געשווינט דורכגעטריבן גאָר נאָהענט לעבן אײַך, געטאָן א רייץ, א ציה, אויפ־גערעגט און אַנטלאָפן· און ווידער גייט איר אַליין צווישן דעם אַרומיגן דרויסנדיגן גערויש און פרעמדער אינוויינינג־סטער רוהיגקײַט·

באַלויכטענע פענסטער פון פילגאָרנדיגע הייזער קוקן ווידער אויף אײַך, ווי אויגן פון דער שטילער נאַכט, וואָס טוליעט זיך צו זיי, און רופן אײַך און טרייבן אײַך··· אין אַזאַ מין מאָמענט זייט איר פייהיג צוצוקלעפן זיך צו יעדן מענשן, וואָס שטויסט אײַך ניט אָפּ· פאַרוואָס זאָלט איר, למשל, ניט צוגיין צו יענער דינסט, וואָס זיצט זיך אַליין און זינגט זיך אונטער אויפן בענקל, וואָס לעבן הויפטירל? פאַרוואָס, למשל, זאָלט איר מיט איר ניט חתונה האָבן און ניט אַוועק מיט איר קיין אַמעריקע?··· אויב איר טוט עס ניט, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס איר האָט נאָך צײַט; איר ווילט נאָך א טראַכט טאָן· אין אַזאַ מאָמענט זייט איר פייהיג אויפצוהייבן זיך אויף א וואָסערע ס'איז ציכטיגע מירמלשטיינערנע טרעפּ, אָנ־קלינגען אין א פאָלירטער טיר, מיט א בלאשקענדיגן מעשענעם בלעטל, און טראַכטן, אַז ס'איז שוין צײַט· ס'איז שוין צײַט, אַז דאָ זאָל וואוינען אײַער פרוי, און איר, דער מידער, זאָלט איצט צו איר אַרײַנקומען, זיך אַוועקזעצן בײַם טיש, וואָס מיטן זודיגן סאַמאָוואַר, און איר זאָגן:

»גוטן אָוונט«·

אויב איר טוט עס ניט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס מענשן זיינען נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן דערצויגן און שרעקן זיך נאָך פאַרן צווייטן; אַנדערע זיינען נאָך דערצו פייהיג צו מאכן סקאַנדאַלן···

און אַזאַ מאָמענט האָב איך ווירקליך איבערגעלעבט אין יענער גרויסער שטאָט, וואוהין איך בין געקומען אויפזוכן מיין חבר. אויפן אַנדערן טאָג בין איך גלייך אַנטלאָפן פון אָטדער שטאָט, וואָס האָט אין מיר אויפגערודערט אַזויפיל געפילן. איך בין אַנטלאָפן פון איר, ווי פון א שונא... נאָר דאָ הייבט זיך אָקאָרשט אָן די מעשה, וואָס איך וויל אייַך דערציילן.

---

אויפמאָרגן אינאָוונט בלאָנדזשע איך אַרום איינער־אַליין אויף א קליינינקער פוסטינקער באַנסטאַנציע, וואוהין איך בין געקומען דאָס ערשטע מאָל אין מייַן לעבן. איך האָב זיך איינגעשפּאַרט: איך מוז דאָ אויפזוכן מייַן חברס עלטערן. נאָר תחילת אָוונט, אז איך קום צו זייער הויז, טרעף איך עס געשלאָסן. איך גיי עס אַרום פון אַלע זייַטן, איך קוק אַרייַן אין דעם דורך די פענסטער; איך זעה, אַז ס׳איז פוסט, און געדענקען געדענק איך בשעת מעשה, אַז דאָס קוק איך:

»איך בין א נאַר, געוויס א נאַר, וואָס טו איך דאָ?«

נאָר אינם צווייטן שכנישן הויז איז אַלץ העל באַלויכטן און שטאַרק פריילעך. דאָרטן איז א חתונה. כּלי־זמר שפּילן, און געסט צונויפגעפּאָרענע טאַנצן, און לאָמפּן זעצן זיך, לויכטן און זעצן זיך, איך גיי אַהינצו. ס׳טאַנצט דעם חתנס א רייכע מומע מיט איר טאָכטער, א יונג מיידל, און דער מיידלס א חברטע, א קורסיסטקע, לאָזט זיך טאַנצן זיי אַקעגן שוין נאָר פון הוילער התלהבות, פון גרויס דאַנקבאַרקייַט צו אָטדער מומע, וואָס האָט זיך געלאָזט טאַנצן. אַלע שטופּן זיך און קוקן, און קיינעם אַרט ניט, וואָס אויך איך, דער פרעמדער, קוק אַהין אַרייַן. קיינער האָט ניט גאָרנישט אקעגן דעם, וואָס

אויך איך וויל זעהן מיט מײַנע אייגענע אויגן, ווי קונציג זי טאַנצט, אָטדי בכּבודיגע מומע. פונאָנהייב פאַרשטייט מען גאָרניט:

»פונוואַנען איז אָטדער אַראָפּגעפאַלן?«

נאָר באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך דאָ ווייסט שוין עמיצער, ווער איך בין. דער כּלה אַליין האָט שוין אַזוי־פיל וועגן מיר דערציילט איר שוועסטערקינד, מײַן חבר מישע, וועלכן איך זוך. איך מוז אַרײַנגיין, זאָגט זי; איך מוז זיצן אָטדאָ, אויבנאָן. לעבן איר און לעבן איר חתן, זי האָט דאָ לעבן זיך אַסך רויזן, איר האָט מען צו־געשיקט פון איינעם א פּריצישן הויף רויזן, וויל זי מיר שענקען א העלפט. שפּעטער אַביסל וועט זי מיר זעהר פיל דערציילן וועגן זיך און וועגן איר שוועסטערקינד, מײַן חבר מישען. זי וועט מיר זאָגן, וואו ער געפינט זיך, נאָר לעת עתּה מוז איך עפּעס געניסן. אָטדאָס איז איר חתן, שוין, אַזויצוזאָגן, איר מאַן:

»וואָס? ער ווייסט גאָרניט, ווער איך בין?« אַזוי פרעגט זי בײַם חתן. און דער חתן ענטפערט, אַז יאָ:

»פאַרוואָס זאָל ער ניט וויסן?«

ער דריקט מיר פריינטליך די האַנט און דערציילט מיר, אַז ער ,אינטערעסירט' זיך:

»בײַ זיי אין שטעטל, זאָגט ער, זיינען אויך פאַרהאַן ציוניסטן.«

איך זיץ אַליין מיט מיין פרעמדקייט אויבנאָן, לעבן כּיבוד, וואָס מ׳האָט פאַר מיר אַוועקגעשטעלט, און רויכער אַסך פּאַפּיראָסן. איך קוק אויף יענער יונגער ברוינער מיידל, וואָס איז, ווי אלע, אָנגעטאָן אין ווייסן. נאָר זי טאַנצט ניט. פאַרוואָס גייט זי אַפילו איינמאָל ניט טאַנצן? זי זיצט, ווי איך, איינעאַליין, פאַררוקט אין א ווינקל, און וויל זיך ניט באַגעגענען מיט מיינע אויגן. איטליכס

מאָל, וואָס איך טו אויף איר א קוק, פאַרדרייט זי דאָס פנים אָנאַזייַט, זי וויל בעסער קוקן אין א פוסטער זייַט, איידער צו באַגעגענען זיך מיט מייַנע אויגן. שמייכלדיג און פריילעך, מיט א האַלב אָפּגעטרונקענער גלאָז ווייַן אין האַנט, גייט אַלעמאָל צו איר צו איר פאָטער. ער איז אויך א שיינער. ער פרעגט בייַ איר עפּעס, נאָר זי בלייַבט אומעטיג, ווי פריהער. נאָר סוף־כל־סוף זיץ איך שוין גאָר נאָהענט לעבן איר, איך זיץ אויפן צווייטן בענקל. איך זאָג צו איר:

»כ׳האָב אייַך, דאַכט זיך, געזעהן אויפן וואָקזאַל, תחילת אָווגסט, ווען איך בין אָנגעקומען מיטן צוג, האָב איך אייַך דאָרטן געזעהן«.

איך גיב צו, כדי זי זאָל זיך ניט שרעקן:

»אין אָטדעם ווייסן קלייד זייַט איר דאָרטן געשטאַנען, אָהן אַן אויבערשט פונאויבן«.

»אַך יאָ, זי איז דאָרטן געשטאַנען« ... זי איז אַרויס־געגאַנגען באַגעגענען געסט־מחותנים. נאָר מיטן פאַר־נאַכטיגן צוג איז קיינער, אחוץ מיר, ניט געקומען ... זי האָט ניט געוואוסט, צי איך בין אויך א מחותן צי ניין; זי איז געשטאַנען און געוואַרט.

און ווידער באַהאַלט זי אויס פון מיר אירע אויגן. אַביסל שפּעטער שטייט זי שוין דאָך מיט מיר אינדרויסן בייַ דער טיר. זי שטייט דאָרטן אָנגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אָן וואַנט און האַלט די הענט אַרונטער, און ווידער באַהאַלט זי פון מיר אויס אירע אויגן. איך שטיי און טראַכט:

»וועגן וואָס וואָלט איך איר, אַשטייגער, איצט געקאָנט אָנהייבן דערציילן?«

און פלוצים טוט בייַ איר א ציטער דאָס קול. ס׳איז אַזאַ זאַפטיגס, אָטדאָס קול אירס, אַזאַ ברוסטיגס און

דאָך אַזאַ ציטריגס. זי וואָלט זיך וועלן, זאָגט זי, דורכגיין אַביסל. זי פאַרכאַפּט זיך באַלד:

«פאַרשטייט זיך, אויב איך האָב גאָרניט אַקעגן. זי האָט נאָר מורא אַביסל פאַר אָטדעם ווייסן פלעק, וואָס אַקעגן. מעגליך אַז דאָס ליגט א בהמה און מעלה־גרהט. מיר וואָלטן זי געקאָנט אַרומגיין אָטדאָ, פונדערזייט».

ס׳איז שטיל, און מיר גייען. זי בויגט נאָך עטוואָס נידעריגער דעם קאָפּ.

זי וואָלט מיר וועלן עפּעס דערציילן. ס׳איז איר אַזוי שווער צו טראָגן עס אין זיך, אָטדאָס, וואָס זי וואָלט מיר וועלן דערציילן. זי וואוינט דאָ מיט איר פאָטער אויף איינעם א נאָהענטן קליינעם וואָקזאַל, און ביי איר איז אן אומעטיג לעבן; ביי אַלע די, וואָס וואוינען דאָ אויף די אַרומיגע וואָקזאַלכלאַך, איז אַן אומעטיג לעבן. זי האָט ניט קיין מוטער. זי האָט אַן עלטערע שוועסטער, אסתּר. האָט זי געלייענט אַסך ביכער אסתּר. דער פאָטער פלעגט זיי איר תּמיד וואָך ביי וואָך ברענגען פונם נאָהענטן גרויסן וואָקזאַל, וואו ס׳איז פאַרהאַן א ביבליאָ־טעק. איצט האָט זי חתונה געהאַט, אסתּר, פאַר א שניטקרעמער פונם נאָהענטן שטעטל האָט זי חתונה געהאַט. זי האָט אים ניט ליב געהאַט, דעם חתן אירן, נאָר אַנדערע האָבן געפונען, אַז ער איז שוין אויך ניט גאָר אָהן מעלות:

ער האָט זי הויך געשעצט נאָך פונאַמאָל, אסתּרן, ער האָט אַליין מודה געווען, אַז זי שטייט פיל העכער פון אים און האָט געזאָגט, אַז צוליב איר איז ער גרייט זיך אָפּ־טיילן פון זיין מוטער און עפענען א באַזונדערע קלייט.

זי אַליין האָט איר פאַר דער חתונה געזאָגט, אסתּרן:

«אסתּר, באַטראַכט זיך, אפשר דאַרף מען ניט» . . .

נאָר אסתּר האָט געזאָגט:

«ס׳איז שוין אַלצאיינס, האָט זי געזאָגט, כ׳האָב עס

שוין ביי זיך געפּועלט. עלעהיי איך שנייד זיך אָפּ א האַנט« האָט זי געזאָגט.

איצט איז זי געבליבן אַליין אין שטוב, אַליין מיטן פּאָטער, און לייענט דיזעלביגע ביכער, וואָס פריהער פלעגט לייענען אסתּר. דער פּאָטער ברענגט זיי איר פונם נאָהענטן וואָקזאַל, וואו ס׳איז פאַרהאַן א ביבליאָטעק. זי לייענט זיי גאַנצע טעג, אָטדי ביכער, און געפינט אין זיי די צייכנס מיט די צושריפטן, וואָס אסתּר האָט אין זיי געמאַכט. זי שלאָפט ניט נאָכדעם אָפּט ביינאַכט און האָט שווערע געדאַנקען. און איצט וויל זי ביי מיר פרעגן: »אמת? אַיאָ, ס׳איז נישט כּדאי צו לעבן?«

»נישט כּדאי צו לעבן?... ניין, דערויף בין איך שוין בשום אופן ניט מסכּים«.

»אַז איך וועל זיין שוין גאָר א זָקן, וועל איך ליגן אין בעט און וועל דרייען מיטן ציינלאָזן מויל: כ׳וויל נאָך א וועסנע... נאָך א וועסנע«.

און פּלוצים הייב איך איר אָן זעהר פיל צו דערציילן וועגן זיך:

»איינמאָל האָב איך געגעבן פינף רובל איינעם א בעטלער, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין שטיב. ער האָט לחלוטין ניט געהאַט קיין פיס, אָטדער בעטלער, זיי זיינען אים געוועזן אָפּגעהאַקט אַסך העכער פון די קני. כ׳האָב געזעהן, ווי האַלטנדיג די פינף רובל אין מויל, איז ער געשווינד אַוועקגעקראָכן. כ׳האָב געמיינט, ער וועט זיך קויפן א טרונק. נאָר ער האָט זיך אָפּגעגאָלט און געקויפט א ניי בלוי העמדל, ער האָט געוואָלט גליק«.

נאָר ניין, נישט וועגן דעם האָב איך איר דערציילט:

»איינמאָל, קינדווייז, אין א ווינטעראָוונט האָט מען מיך איינגעוויקלט אין אַסך שאַלן און גענומען ערגעץ טראָגן. אַז מ׳האָט מיך צוריק אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד און

מיך אויסגעוויקלט פון די שאַלן, האָב איך דערזעהן, אַז איך שטיי אויף א חתונה, אין א גרויסן שטאַרק באַלויכטענעם בית־המדרש. איך בין נאָך דעמאָלט קיין גאַנצע פיר יאָר ניט אַלט געווען און האָב ניט געדענקט, צי פאַרן היינט איז געווען א נעכטן. אַז מ׳האָט מיך אויסגעוויקלט פון די שאַלן, האָב איך זיך אָנגעבויגן און גענומען באַטראַכטן אויף זיך דאָס שוואַרץ סאַמעטענע קאָסטיומל מיט די ווייסע לייקענע שיכלאַך. זיי זיינען מיר געווען שטאַרק געפעלן, די ווייסע לייקענע שיכלאַך, נאָר אַז איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך לעבן זיך דערזעהען פון איין זייַט די חתן־כלה און פון דער אַנדערער זייַט דעם אָרון־קודש און האָב זיך מיטאַמאָל אָנגעהייבן טרייסלען אויף די פיסלאַך און טאַנצן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך דעמאָלט אָנגעהייבן טאַנצן«.

נאָר מעגליך, אַז אויך נישט וועגן דעם האָב איך דאַן אָנגעהייבן דערציילן; נאָר וועגן עפּעס אַנדערש. מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען מיטן מעת־לעתנוויִז פּוסטן רעלסנשנור בײַ אין שוואַרצליכן אָנהייב פונם געדיכטן וועלדל; כ׳האָב נאָך אַלץ גערעדט אָהן אויפהער. און אַז מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק, האָבן מיר דערזעהן, אַז ס׳הייבט שוין אָן צו טאָגן, און אַז מיר האַלטן איינער דעם צווייטן בײַ די הענט און דריקן זיי פעסט, מיר פאַרגלויבן איינער דעם צווייטן די הענט. אין הויז האָבן נאָך אַלץ מיד געשפּילט די כלי־זמר. פּלוצים האָט זי מיר דאָ לעבן הויז באַוויזן אירע אויגן און מיך א גאַנצע רגע געלאָזט אין זיי קוקן. כ׳האָב דערזעהן, אַז אויך אין זיי, אין אָטדי אויגן הייבט אָן צו טאָגן.

נאָר מיר זיינען דאָך אַוועקגעגאַנגען נאָכאַמאָל צוריק צום רעלסנשנור און צום אָרט, וואו ער ווערט פאַר־

שוואונדן אין שוואַרצליכן אָנהייב פון געדיכטן וועלדל. מיר האָבן פונסנייַ געהאַט אסך, אסך, וועגן וואָס צו ריידן.

אַז מיר האָבן זיך אומגעקערט דאָס צווייטע מאָל, איז שוין וועגן אַלץ, אַלץ געווען אָפּגעשמועסט: איך וועל איננגיכן אַראָפּקומען אַהין אויף דער קליינינקער באַנסטאַנציע, וואו זי וואוינט, און וועל זיך דאָרטן באַזעצן אינם גוישן שטיבל, וואָס אַנטקעגן, ווייל מיר איז דאָך אַלצאיינס, וואו איך זאָל ניט וואוינען. און די ערשטע צייַט וועלן מיר קיינעם וועגן גאָרנישט דערציילן. פלוצים האָט זי זיך צו מיר צוגעדריקט און גענומען אַריינקוקן מיר אין די אויגן:

»דערווייַל, האָט זי געזאָגט, דערווייַל וועסטו מיר שרייַבן, אמת?«

איצט האָבן שוין אין הויז מער די כלי־זמר ניט געשפּילט.

די מחותּנים האָבן פאַרן פונאַנדערפאָרן זיך געטרונקען טיי. מ׳האָט גערעדט אַלע אינאיינעם, מ׳האָט פריילעך געלאַכט, און אינדרויסן איז אויפגעגאַנגען די זון. מעגליך, אַז מ׳האָט פריילעך געלאַכט דערפאַר, וואָס אינדרויסן איז אויפגעגאנגען די זון. די כלה האָט נאָך אַלץ געטראָגן די לאַנגע ווייַסע הענטשקעס, וואָס אָהן די פינגער, זי האָט שמייכלדיג עפּעס גערעדט צו מיר, נאָר איך בין געווען צעטראָגן און האָב איבערגעפרעגט:

»וואָס?« . . .

אינאיינעם מיט פיל אַנדערע בין איך געשטאַנען אויף די טרעפּלאַך, וואָס פאַרן הויז, ניט ווייַט פון דער וואַרטנ־דיגער פשוטער גוישער פור און האָב געקוקט, ווי פריילעך מייַן מיידל געזעגנט זיך מיט אַלעמען, און וויאַזוי זי פאַרבינדט זיך דעם קאָפּ מיט א שאַלעכל אויפן פשוטן דאָרפישן שטייגער.

»שרײַב ,אונזי פראָסטער׳ האָט זי מיר בײַם געזעגענען זיך א שעפּטשע געטאָן׳ ,מיר׳ זײנען פּראָסטע«·
און דער פאָטער אירער איז שוין געזעסן אויבנאָן אויף דער פור און האָט אויף איר געוואַרט·
איך בין געווען אויפגערעגט און האָב די גאַנצע צײַט געדענקט׳ אַז איך דאַרף נאָך עפּעס טאָן׳ איך דאַרף זיך אײַלן׳ ווײַל אָט באַלד פאָרט אָפּ די פור·
ווען די פור איז אָפּגעפאָרן׳ האָב איך זיך גלײַך געלאָזט נאָך איר לויפן און האָב זי אָפּגעשטעלט· איך האָב גע־האַלטן אין די הענט אסך רויזן׳ די רויזן׳ וואָס די כלה האָט מיר בײַ מײַן קומען געשענקט׳ האָב איך זײ איר אַוועקגעגעבן און האָב געזעהען׳ ווי זי ביידע שמייכלען׳ זי און דער פאָטער· נאָר אַז די פור איז אָפּגעפאָרן׳ האָב איך גלײַך דערפילט׳ אַז ס׳איז ניט דאָס׳ וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן׳ כ׳האָב זיך געוואָלט דערמאָנען און האָב ניט געקאָנט· איך האָב זיך געזעגנט מיט דער כלה און בין אַוועקגעגאַנגען אויפן וואָקזאַל· דאָרטן איז א לאַנגער צוג געשטאַנען מיטן לאָקאָמאָטיוו צו יענער זייט׳ וואוהין איך האָב באַדאַרפט פאָרן· ער האָט באַדאַרפט פאָרן· ער האָט גלײַך גענומען אָפּגיין· איך בין געשטאַנען אין א כמעט פוסטן דריטקלאַסיגן וואַגאָן׳ כ׳האָב געקוקט אין פענסטער און געהערט׳ ווי ס׳הייבן אָן אַלץ גיכער קלאַפּן די רעדער· און פלוצים האָב איך זיך דערמאָנט׳ וואָס איך האָב באַדאַרפט טאָן; כ׳ווייס ניט איר נאָמען׳ כ׳האָב באַדאַרפט בײַ איר פרעגן:
»ווי רופט מען דיך?« האָב איך באַדאַרפט בײַ איר פרעגן·

---

# צוויי וועגן

צוויי וועגן פירן פון דער שטאָט אַרויס, א ברייטער און א שמאָלער.

פירט דער ברייטער וועג גלײַך מיט די גרינע פעלדער, וואָס צום האָריזאָנט. דערגרייכט ערגעץ לעבן א באַרג דעם גרויסן וועג, וואָס פירט פון איין קרײַזשטאָט צו דער צווייטער, און האַקט זיך מיט אים אָפּ אַזוי פלוצים, טרויעריג, גלײַך ער וואָלט מיט עפּעס אומצופרידן זײַן און וואָלט זיך אַליין באַקלאָגן:

»אָט זעהט, ווי קליין איך בין, איך קאָן שוין מער אינ־ערגעץ נישט פירן«.

טיילט זיך אָפּ פון אים דער שמאָלער וועג נאָך בײַם הילצערנעם טויער פון שטאָט און נעמט זיך באַלד לינקס, צו די פאַרוואַקסענע פויערשע שטיבלאַך צו, צוזאַמען מיט אָטדי שטיבלאַך הייבט ער זיך אינדערהייך אויף, צו־זאַמען מיט די שטיבלאַך לאָזט ער זיך אינדערנידעריג אַראָפּ, גלײַך ער וואָלט מורא האָבן, אַז אָפּטיילנדיג זיך פון זיי, וועט ער איינזאַליין צווישן בערג און טאָלן פאַרבלאָנדזשען און וועט נאָכדעם זײַן אייגענעם אָנהייב נישט געפינען. ער דערגרייכט ענדליך דאָס קליינע קאָזלאָווער טײַכל, בײַ וועלכן די פויערשע הײַזער ענדיגן זיך, און מוז נעבעך איינזאַליין ווײַטער אויפן בערגל קלעטערן.

פאָרט מען מיט אָטדעם שמאָלן וועג פינף וויאָרסט אָפּ. לאָזט מען זיך אין א שטילן גרינעם טאָל אַראָפּ; הייבט מען זיך מיטן וועג ווײַטער אויפן בערגל אַרויף, קומט מען צו אַן איינזאַם וועלדל צו, צו יענעם זעלביגן עלנטן וועלדל, וואָס מען ווייסט נישט, צו וועמען ס׳קער, און איבער וועלכן ס׳קריגן זיך שוין יאָרנלאַנג א פּריץ מיט זײַנע פאַרעקשנטע שכנים־פּויערים. פונדאָרטן זעהט מען שוין אָן דאָס דאָרף, וואָס אין טאָל, די איינגעגראָבענע ציגלפאַבריק, וואָס רויכערט טאָג און נאַכט, ווי א קאַלכ־אויוון און, העכער אויפן באַרג, דעם גרויסן, תּמיד רוישנ־דיגן געפלאַסטערטן טראַקט, וואָס פירט ערגעץ ווײַט צו דער היפּשער האַנדלסבאַרער שטאָט.

סוחרישע פורן לויפן דאָרטן אָפּ און אויף, באַגעגענען זיך, יאָגן זיך איבער און פאָרן זיך פונאַנדער אין פאַר־שיידענע זײַטן, איילנדיגע און אומעטיג־ערנסטע, גלײַך זיי וואָלטן איינצײַטיג קלערן וועגן זייערע הײַזער, וואָס ערגעץ דאָרטן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך און וועגן יענעם רוישנדיגן און סוחרישן וועלטווינקל, וואוהין ס׳שלעפּן זיי זייערע מוחות.

די רעדער קלאַפּן דאָרטן אָהנאַנאויפהער אין די שטיינער, און א ווידערקול ווערט פון אָטדעם קלאַפּן צווישן הימל און ערד געבוירן, א תּמימותדיג און קינדיש כּשרס, וואָס נעמט זיך באַלד איבער ברייטע פעלדער טראָגן, כאַפּט זיך אויך אין עלנטן וועלדל אַריין און הייבט דאָרטן אויף א קוים־קוים באַמערקטן גערויש.

און טוט פון ערגעצוואו א ווינטל א בלאָז, קומט דאָס אויך אַהער אין וועלדל צולויפן און טראָגט זיך דאָ מיט אַזאַ פאָרכט צווישן די בוימער דורך, גלײַך ס׳וואָלט זיי א שטילן און אומעטיגן געריס אָט פון יענע אַרומלויפנ־דיגע סוחרים ברענגען:

»יאָ, יאָ, זיי פֿאָרן נאָך די סוחרים... אָטדאָרטן אויפֿן טראַקט פֿאָרן זיי«.

דעמאָלסט טוט א ציטער דער גאַנצער וואַלד און פֿאַלט אַריין אין א מרה־שחורה. בוימער בויגן די קעפּ צו דער ערד און שאָקלען זיך צו איין ווײַטן הימלווינקל. ווער ווייסט? אפשר טוען זיי דאָס פֿאַר די סוחרים תפילה, זיפֿצן און בעטן:

»צײַט, צײַט, דאָס די סוחרים זאָלן אַרומיאָגן אויפֿ־הערן«.

נאָר די פֿורן יאָגן דאָרטן נאָך אַלץ און וואַרפֿן אָפּ פֿון זיך ווײַט דעם געוויש פֿון זייערע קלאַפּנדיקע רעדער. אַזעלכע פֿרעמדע און אומבאַקאַנטע קריכן זיי אַרויס פֿון איין זײַט האָריזאָנט, טראָגן דאָ דורך זייער דרימלענדיג־רעשדיגן סוד און ווערן ענדליך פֿאַרשוואונדן אין דער צווייטער זײַט האָריזאָנט; דעמאָלסט קריכן פֿונם ערשטן עק האָריזאָנט אַרויס נײַע, אויך אַזעלכע אומבאַקאַנטע און פֿרעמדע, און האַלטן דעם געוויש אונטער. הימלען טרויעריגע קוקן אַראָפּ אויף די פֿורן און שווײַגן, און די לופֿט, וואָס אַרום, איז שוין אַזוי געוואוינט צו אָטדעם אַלעם און צו יענעם פֿוסטן מעשהלע, וואָס שוועבט ערגעץ דאָ טאָג און נאַכט אַרום:

»א מעשה מיט אַ באַיאָרטן גרײַז־גרויען סוחר, וואָס האָט שוין האַנדלען קיין כּוח נישט געהאַט און דערפֿאַר אויף זיך דעם טויט געבעטן«...

---

שטיבלאַך זיינען ערגעצוואו בײַדערזײַט פֿונם טראַקט פֿאַרהאַן, קליינע איינזאַמע שטיבלאַך, וואָס ליגן אַזוי ווײַט איינס פֿונם צווייטן: איינס ווייסט שוין אַפילו נישט, וואו דאָס צווייטע געפֿינט זיך.

זומער׳ ווען אַלץ ווערט דאָ פאַרגרינט און פאַרוואקסן און נאָר דער אומרוהיגער געפלאַסטערטער טראַקט ציהט זיך מיט זייַנע בלייַקאָלירענע שטיינער׳ ווי א שטרענגער וואָכעדיגער פּאַס׳ און הילכט מיט זייַן געוואוינליכן איינטאָניגן גערויש׳ ווערט אַמאָל אין איינעם פון אָטדי איינזאַמע שטיבלאַך א גרויסשטעטיג פּאָרל אויף א מאָנאַט מגולגל און בלאָנדזשעט דאָ גאַנצע טעג אַרום איבער גרינע פעלדער׳ טאָלן און בערג: אַזאַ שטיל׳ רוהיג און אָפּגעזונדערט לעבן פירן זיי דאָ; אָן דער וויַיטער און גרויסער שטאָט פאַרגעסן זיי׳ און השגות גרויסע באַקומען זיי.

ווער ווייסט? אפשר׳ גלוסט זיך זיי שוין אויפאייביג דאָ פאַרבלייַבן און באַקומען דאָס מעגליכקייַט אַרומצושפּאַנען דאָ אייביג מיט פּאַמעליכע׳ לעגענדאַריש גרויסע טריט׳ אַזוי׳ אַז מיט א פּאָר שפּאַן זאָלן זיי דעם וויַיטן׳ וויַיטן האָריזאָנטעק דערגרייכן.

קומען זיי אַמאָל פאַרנאַכט אויך צו אָטדעם טראַקט צו און בלייַבן דאָ נישט וויַיט׳ אָנגעשפּאַרט אָן די בוימער׳ שטיין׳ דער טראַקט רוישט; די סוחרישע פורן לויפן אָפּ און אויף׳ באַגעגענען זיך׳ פעלן זיך אויס און ווערן פאַרשוואונדן צוזאַמען מיטן סוד פון זייער אייביגער אומרוהיגקייַט׳ איין זייַט האָריזאָנט גיט זיי אַרויס׳ די צווייטע שלינגט זיי איין׳ באַפאַלט דאָס פּאָרל א טרויעריגע שטימונג און א מרה שחורה קוקט צו זיי אַרויס פון יעדער דורכלויפנדיגער פור און פון דער טונקעלער פאַרנאַכטיגער לופט. זיי שטייען דאָ לאַנג׳ לאַנג׳ קוקן און שוויַיגן׳ און אַליין ווייסן זיי שוין נישט׳ פאַרוואָס קוקן אַזוי פאַרקלערט זייערע אויגן׳ און פאַרוואָס זיי קאָנען איינער צום צווייטן קיין וואָרט נישט אויסריידן.

# ביינאכט

בײַנאַכט איינמאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אין דעם ענגגעפּאַקטן טונקעלן און שווערשנאָרכנדיגן וואַגאָן, איך האָב אים גלײַך דערזעהן זיצן אַקעגן מיר אויף דער באַנק און איך האָב אים גלײַך דערקענט. דאָס איז געווען ער, דער אַלטבאַקאַנטער נאַכטאיד, וואָס שטענדיג, אַז ער פאָרט מיט דער באַן, קאָן ער ניט שלאָפן בײַנאַכט, און אַז ער קאָן ניט שלאָפן בײַנאַכט, נודעט ער, און אַז ער נודעט, זוכט ער עפּעס בײַ יעדן אין די אויגן און מאָנט עפּעס יעדן בײַ דער נשמה, מאָנט שטום, נאָר נאָגנדיג און אָהנאַנאויפהער.

»יונגערמאַן, האָט ער אויף מיר באַלד א וואָרף געטאָן זײַנע וואַסערדיגע אייביג אומעטיגע אויגן, וואוהין פאָרט איר, יונגערמאַן?«

דערבײַ האָט זײַן קול אָפּגעקלונגען אין מײַנע אויערן אַזוי זויערליך און אַלט־אַלט, עלטער פון דער צײַט, וואָס איך געדענק. און ווײַל ער האָט מער צו מיר ניט גערעדט, האָט זיך געדאַכט, אַז ניט ער האָט דאָס קול פון זיך אַרויסגעלאָזט, ס'טראָגט זיך פון ערגעץ ווײַט און עס פאָדערט דין וחשבון:

»יונגערמאַן, וואוהין פאָרט איר ערגעץ, יונגער־מאַן?«

און, אַז איך האָב דאָס צווייטע מאָל אַן עפן געטאָן די אויגן אינם טונקעלן, שווער שנאָרכנדיגן וואַגאָן, איז דער

צוג נאָך אַלץ געלאָפן איבער שוואַרצע זומפּן אין וויסטע וואַסערדיגע פעלדער, און די נאַכט האָט נאָך אַלץ גע־שמיסן מיט רעגנטרערן אָן די פענסטער, און אינם ווײַטן וואַגאָנווינקל האָט נאָך אַלץ געצאַנקט דאָס ליכט, גע־האַלטן אין איין צאַנקען און אויסגיין. קעגנאיבער דעם דינעם טירוועגטל, וואָס פירט אין דער צווייטער וואַגאָנ־אָפּטיילונג, האָט זיך לאַנג און אָהן אויפהער געריסן א געוויקלט וויגקינד. און דאָ לעבן וואַכנדיגן נאַכטאידן, וואָס אַקעגן מיר אויף דער באַנק, איז שוין געזעסן א רויטבאַקיגער בחור אין א לײַבל און אין שטיוול, און אויך אָטדעם בחור, האָט זיך מיר געדאַכט, קען איך שוין פונלאַנג. שטענדיג הייבט אים אויף פון זײַן איינגעזעסן אָרט עפּעס אַן אומגליק, וואָס האָט מיט אים געטראָפן, און שטענדיג הערן אים מענשן אויס; זיי קוקן מיט רחמנות אין זײַן פּנים און שווײַגן. נאָר בעת זיי קוקן אַזוי מיט רחמנות אין זײַן פּנים און שווײַגן, באַמערקן זיי דערווײַל, אַז ער איז בטבע א גוטער, און זאָגן צו אים:

»יונגערמאַן, זאָגן זיי צו אים, כאַפּ זיך, זיי מוחל, אַראָפּ און פאַרע אונז אָפּ א טשײַניקל טיי«.

איצט האָט שוין דער בחור געהאַט אויסדערציילט דעם וואַכנדיגן נאַכטאידן וועגן אַלע אומגליקן, וואָס האָבן מיט אים געטראָפן:

»דערצו קאָן איך נאָך ניט שלאָפן, האָט ער זיך שטיל געקלאָגט, און וואָס טוט מען, וואָס טוט מען אין אַזאַ לאַנגער נאַכט?«

»וואָס טוט מען?«

דער פאַרנודעטער נאַכטאיד האָט ניט פאַרשטאַנען:

»וואָס הייסט, וואָס טוט מען?«

ער האָט לאַנג געזוכט עפּעס בײַם רויטבאַקיגן בחור אין די אויגן און אים לאַנג עפּעס געמאָנט בײַ דער נשמה.

»וואָס זאָלסטו טאָן?« האָט ער שטיל איבערגעחזרט און זײַן קול האָט דערבײַ ווידער אָפּגעקלונגען מאָנאָטאָניש, זויערליך און אַלט־אַלט, עלטער פון דער צײַט, וואָס איך געדענק.

»קוק אַרײַן אין א ספר, האָט ער געזאָגט, לערן . . .«

»קען איך אָבער נישט, האָט זיך דער בחור געקלאָגט.

»קענסט נישט?«

דער ייד האָט זיך פאַרטראַכט:

»קענסט נישט, טאָ זאָג מיר נאָך וואָרט אין וואָרט־זאָג:

»אינאָנפאַנג איז געווען די ערד לער און וויסט, און דער אָפּגרונט — חושך, און גאָטס גײַסט האָט אַרומגעשוועבט איבער די וואַסערן«.

»אינאָנפאַנג, האָט דער בחור נאָכגעזאָגט, איז געווען די ערד לער און וויסט, און דער אָפּגרונט — חושך, און גאָטס גײַסט האָט אַרומגעשוועבט איבער די וואַסערן«.

אַרום און אַרום איז דער שווער לויפנדיגער פאַרטונקלטער וואַגאָן נאָך אַלץ געווען פול מיט שנאָרך און בלאָזערײַ פון די, וואָס בײַ דעם שײַן פונם צאַנקנדיגן ליכט שלאָפן זיי אין דרײַ פאַכן, איינער העכער פונם צווייטן. פאַר־שוויצטע פנימער האָבן זיך אַרויסגערויטלט ווי פון א גע־שווילעכץ, באַקן האָבן זיך געבלאָזן, נעזער האָבן גע־פײַפט, און אַלץ אויף פאַרשיידענע שטייגערס. געווען איז א פײַף א געזעצטער, א לײַטישער, א פײַף, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג און האָט בדעה צו זאָגן:

»נו יאָ, איך שלאָף . . . אוודאי שלאָף איך . . .«

געווען איז א פײַף א ייאושדיגער, וואָס לאָזט זיך אויף הפקר:

»איך שלאָף, וואָרום ס׳איז א תּוהו־ובוהו־וועלט . . . א תּוהו־ובוהו־וועלט . . .«

געוועזן איז אויך א פײַף א געציקלטער, וואָס פאַרדרייט זיך ווי א »תּביר« און פרעגט א קשיה:

»וואָס זשע וועט שוין דאָ זײַן?... אַז אַלע וועלן שלאָפן, וואָס זשע וועט שוין דאָ זײַן?«

און א פײַף א שטאַרקערער, וואָס וויל פון גאָרנישט ניט וויסן און וואָרנט:

»וועקט ניט, ס׳וועט ניט העלפן«.

און צווישן אָטדעם שנאָרכן און פײַפערײַ האָט דער רויטבאַקיגער בחור נאָכגעזאָגט דעם פאַרנודעטן נאַכט־יידן וואָרט אין וואָרט, וויאַזוי גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד, זון און שטערן, טאָג און נאַכט, שרצים און חיות, עופות, גרעזער און מענשן; וויאַזוי דער שלאַנג איז געווען קלוג, און די שלעכטיגקײַט פון מענשן האָט זיך געמערט, און גאָט האָט זיך באַדענקט, וואָס ער האָט דעם מענשן באַשאַפן. גאָט האָט געזאָגט:

»איך וועל אָפּמעקן פון דער ערד אַלץ, אַלץ, פונם מענשן, וואָס איך האָב באַשאַפן, ביז א שרץ, און א עוף, וואָס פליהט אינדערהייך. וואָרעם איך האָב זיך באַדענקט, וואָס איך האָב זיי באַשאַפן«.

און פּלוצים... פּלוצים איז בײַם פאַרנודעטן נאַכטאידן אויסגעוואַקסן עפּעס איינער א מענש, וואָס הייסט נוח.

»חזר איבער וואָרט בײַ וואָרט, האָט ער געזאָגט צום רויטבאַקיגן בחור; זאָג:

»און נוח האָט געפונען חן אין די אויגן פון גאָט«.

»און נוח, האָט דער בחור נאָכגעזאָגט, האָט געפונען חן אין די אויגן פון גאָט«.

אַרום און אַרום איז נאָך אַלץ געשטאַנען די געשמאַקע און שווערע שנאָרכערײַ. דער צוג איז נאָך אַלץ געלאָפן איבער שוואַרצע זומפּן און וויסטע וואַסערדיגע פעלדער, און די נאַכט האָט נאָך אַלץ געשמיסן מיט רעגנטרערן אין

די פענסטער. ניט געשלאָפן זיינען נאָר איך, דער פאַר־
נודעטער נאַכטאיד און דער רויטבאַקיגער בחור, וואָס
אינם לייַבל און אין די שטיוול. דער ייד מיטן בחור
זיינען געזעסן, ווי פאַרגליווערטע, און זיך געקוקט איינער
דעם צווייטן אין די פנימער, און איך בין געלעגן און
געטראַכט:

»א גוט וואָרט: ,און נוה האט געפונען חן‘, ס׳האָט מציל
געווען די וועלט«.

זייט


| | |
|---|---|
| דרויב | 1 |
| דער לעצטער ראש השנה | 21 |
| אין איינעם א זומער | 39 |
| די משומדת | 73 |
| אָהן א נאָמען | 83 |
| צוויי וועגן | 95 |
| ביינאַכט | 101 |